בעזרת השם יתברך

# • אינהאַלט •

## פון די ענינים

## לויט סדר פון די פרקים פון גאַנצן ספר קב הישר

### אין דעם אינהאַלט ווערן אַראָפּגעברענגט אַלע יסודות'דיגע פונקטן

### וואָס זענען פאַרצייכענט געוואָרן אין יעדן פרק

דער הייליגער "נועם אלימלך" זי"ע, - ר' אלימלך פון ליזענסק האט שטענדיג געלערנט אין דעם הייליגן ספר "קב הישר". הונדערט און צוויי מאל האט ער געלערנט דעם "קב הישר" - לויט דעם נאמען און קאפיטלען פון ספר (אור אלימלך, אות ק"ה).

בס"ד

# אינהאַלט פון די ענינים

**פרק א':** די מעלה פון חכמה וואָס איז געגעבן געוואָרן צום מענטשן. - דער מענטש זאָל באַשיינען די נשמה מיט שיינע צירונגען דורך גוטע מעשים - זיך באַרעכענען יעדן טאָג, אפילו נאָר אַפּאָר מינוט, וואו האַלט איך? העלפט צו תשובה און מעשים טובים. - דער אומריינער איינדרוק פון אַן עבירה - אמתע תשובה העלפט אויף אַלץ אפילו אויף די האַרבסטע עבירה - השם יתברך שטרעקט אויס אַ האַנט צו יעדן וואָס וויל זיך דערנעטערן צו אים - וואָס אַ וואָרט קען גורם זיין - אַ פּרוּוי פאַר בית-דין-של-מעלה - רייכטום אין וואויל זיין, איז נישט קיין ראיה אויף גערעכטיקייט! - ווען אַ מענטש זאָל זען און פילן וואָס עס שטייט אונטער אים, וואָלט ער זיכער געטאָן נאָר גוטס. - זיך פאַרשטעלן "מעמד הר-סיני" - אַ עצה פאַר יראת-שמים. - די כוונה פון מזוזה - אַ שמירה ביים אַרויסגיין פון שטוב - קריאת-שמע-פאַרהיט דעם מענטש פון זינד - אַ מורא'דיגע מעשה - אַ נשמה פון עולם העליון.

**פרק ב':** אַ מענטש זאָל נוצן זיינע אויגן נאָר צום גוטן - אַ מענטש דאַרף היילגן זיינע אויגן לויט זיין לערנען אין ידיעות - אַ בליק אויף היילגקייט מאַכט אַ לבוש צום קוק אין קדושה - אַ ראיה ווי ווייט דער רושם און פגם פון אַ בליק גייט - היטן די אויגן פאַרמיידט פון יעדער מכשול - אַ סגולה געראַטעוועט צו ווערן פון עבירות - זיינע אויגן זאָלן גלוסטן שטענדיג צו השם יתברך - דעם מגיד מישרים'ס עצה ... - דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער - דאָס אויג וואָס קוקט אויף זאַכן וואָס מען טאָר נישט, נאָכן טויט ווערט דאָס זייער געפיניגט - דאָס אויג וואָס קוקט וואו מען ברויך נישט, זיך צו באַפרידיגן, ווערט מגולגל אינעם עוף "ראה", וואָס זיין נאַטור איז אויך אַזוי - די סיבה פון די עבירה - גיבן אַ קוק, אָבער זיך נישט אָנזעטיגן מיט דעם... - דער מענטש וואָס זעט טמאַ'נע באַשעפענישן, ברענגט אויף זיך אַ גייסט פון טומאה - מ'זאָל נוצן די אויגן נאָר אויף גוטע זאַכן - עס איז גוט צו קוקן אויפ'ן הימל - השי"ת מעשים, וואָס פאַרמיידט יעדע שלעכטס - אידן וואָס זענען מדקדק במצוות קוקן אויפן הימל ווען די שטערן הויבן אָן שיינען און זאָגן: מה רבו מעשיך ה' - די סטרא-

אַחרא קען נישט קוקן אין ליכט פון דער לבנה, פאַר-שטעלט זי זיך אין איר שאָטן - כדי השי"ת זאָל מקבל זיין דעם מענטשענס תפלה זאָל ער פארן דאַווענען נישט רעדן קיין איבעריגע וואָרט - וואָס אַ געשפרעך, נישט אין דער ריכטיגע צייט, קען גורם זיין - אַ נישט ריכטיגער בליק קען פוגם זיין די נשמה פון מענטש.

## גודל איסור הסתכלות בנשים בקיצור נמרץ משו"ס ופוסקים ראשונים אחרונים וכתבי האריז"ל ועוד

ונשמרת מכל דבר רע - טוב מראה עינים - מגופו של מעשה - המסתכל הוי מומר לדבר אחד ומתגלגל בעוף הנקרא ראה - הזהיר לא להכשיל הרבים בהרהורים רעים זוכה לבנים מהוגנים - וזוכה להקביל פני שכינה - עבירה זוכרים לשוב - הרהור שוכחים - המסתכל בנשים הוא מומר לדבר אחד - ההסתכלות הוא יסוד העבירה - לא חמי אפי שכינתא - טעם המנהג להתענות אחר פסח וסוכות - המסתכל מעלה על דעתו שאין בכך כלום - עצם ההסתכלות הוא איסור דאורייתא - טעם חומר האיסור - חורבן בית המקדש היה עבור פגם העינים - הסתכלות בנשים הוא איסור דאורייתא - סגולה לבל יכשל - אף על המותר יגדור עצמו - כל מקום שאתה מוצא גדר... אתה מוצא קדושה - האינו נזהר הרי זה בכלל חילול השם - מעשה נורא מהצה"ק רבי משה מפשעווארסק זי"ע - הסתכלות לשם הנאה נותנת כח בקליפה - פגם ההסתכלות מוטבע אחר כך בבנים - המסתכל בנשים יצויר בשכלו צורה ההיא - כל העולם כולו נמצא בעין - עצם ישיבת אנשים ונשים בלי מחיצה אסור

**פרק ג':** ווען אַ מענטש זיצט מיט זיין חבר זאָל ער רעדן מיט אים דברי תורה.
- אַ מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון לצנים, בעלי לשון הרע און רכילות - דער וואָס רעדט לשון הרע און ליצנות, ווערט פאַרנאַרט פון שדים רח"ל, וואָס ווערן אָנגערופן "כסילים" - ליצנות און לשון הרע ווערט פאַרצייכנט אין ספר וואָס ווערט אָנגערופן "פועלי און" - פלעצער וואו עס איז פאַראַן מחלוקת זאַמלען זיך די משחיתים - דער מענטש וואָס שמועסט אין שוהל, ער האָט נישט קיין חלק אין דעם ג-ט פון די אידן - דער האַרבער איסור פון רעדן דברים בטלים אין שוהל - אַ ספּעציעלער ממונה וואַרט און האַפּט כסדר צו הערן אַ וואָרט פון איסור - דער מענטש דאַרף געוואוינען זיין מויל צו קדושה

רייד, און רעדן אין לשון הקודש - דער מענטש וואָס איז געוואוינט מיט קללות און קריגערייַ, איז זיין שורש נשמה פון דער סטרא אחרא רח"ל - דאָס מויל וואָס רעדט נישט קיין דיבורים אסורים, ווערט אָנגערופן אַ הייליג מויל - מען זאָל פאַר זיך אויסוועלן אַן אָרט צו זיצן אין בית המדרש נעבן ערליכע אידן.

**פרק ד':** דער שכר פאַר מחדש זיין אמת'ע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי"ת, און השי"ת קרוינט אים מיט קרוינען - ווער איז דער, וואָס נעמט זיך איבער מיט זיין לערנען: ווער איז דער, וואָס זיין גאַנץ לערנען איז נאָר זיך גרויס צו האַלטן - ער נעמט די פאַלטשע רייד און מאַכט פון דעם אַ פאַלטשען הימל, וואָס ווערט גערופן "תהו" און "שוא". - "כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וַעֲצוּמִים כָּל הֲרוּגֶיהָ" - די דרשנים וועלכע זוכען בלויז צו געפעלן פאַר די צוהערער, וועלן אַוודאַי נישט זוכה זיין לעתיד לבוא צו הערן, דעם דרש פון חידושי תורה וואָס גאָט ב"ה וועט דעמאָלטס זאָגן - גאָט ב"ה וועט דרש'נען די טעמים פון די תורה וואָס ער וועט אונז געבן לעתיד דורך משיח צדקנו - המורה הוראה לאחרים ולא הגיע להוראה - ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן אַ דין תורה ביים רבי'ן ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זצ"ל.

**פרק ה':** אַז די גרעסטע ליבשאַפט פון אַ חבר איז, ווען ער זעט זיין חבר איז עובר אַן עבירה זאָל ער אים זאָגן מוסר. - ווען אַ מענטש איז פוגם זיין נשמה, קען זי נישט געפינען איר רוה אויף יענער וועלט. - די לופט פון דער וועלט איז פול מיט נשמות פון מענטשן וואָס קענען נישט קומען צו זייער רו. - אַלע בוימער זענען פול מיט נשמות אָן אַ צאָל - מיר זענען נע-ונד אויף דער ערד און אין אַוויר [לופט] פון הימל. - זייט אונז מתקן מיר זאָלן קענען קומען צו אונזער רו און נישט ליידן מער. - דער צדיק דאַווענט מיט כוונה גייט זיין תפילה אַרויף אונטערן כסא הכבוד - פיל נשמות ווערן אַרומגעוויקלט און באַהאַפטן מיט דער תפילה פונעם אָרעמאַן און צדיק. - ווען די נשמה פון צדיק גייט דורך דעם גיהנם כאַפן זיך אין איר אָן פאַרלוירענע נשמות. - גאַנצע מחנות נשמות זענען אויפגעגאַנגען פון די קברים אַרויפצוגיין אין גן-עדן. - די תפילות פון צדיקים זענען אַ גרויסע הילף פאַר די פאַרשטויסענע נשמות. - דער גענאַד פון באַשעפער איז

אומבאַגרעניצט און יעדער איז באַרעכטיגט צו דעם. - עס זאָלן זיך ענדיגן די זינד אָבער נישט די זינדיגער. - דיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה. - דאָס הארץ איז מכוון קעגן דעם שם הוי"ה און דאָס מויל קעגן שם אדנ"י. - דאַוועגען מיטן מויל אָן די כוונה פון הארץ איז אַ גרויסער פגם - דער וואָס רעדט מיטן מויל אָבער דאָס האַרץ טראַכט אַנדערש, וועט פון אים אַרויסקומען קינדער אַפיקורסים. - השי"ת גיט אַכט אויף די צדיקים כדי די נישט גוטע זאָלן זיך נישט דערנענטערן צו זיי. - ווען זיי זעען די צדיקים וואָס זענען אָנגעקניפּט אין גאָט, קערן זיי זיך אום. - אידן דורך תשובה און מעשים טובים מאַכן זיי זייער זינד ווייס. - יעדער זאל טאָן תשובה לויט זיין יכולת...

**פרק ו':** דער וואָס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפ'ן וועג. - מען זאל שטאַרק מכוון זיין ווען מען עס עפּעס גייענדיג אויף דעם וועג. - דורך לערנען תורה אין וועג קען מען זוכה זיין צו מורא'דיגע זאַכן - אפילו בלויז אַ גוטער הרהור פון תורה ברענגט ליכטיגקייט אויפן מענטש - אויב מ'עסט עפּעס אונטערוועגנס זאָל מען שטאַרק מכוון זיין - מ'זאָל זייער מקפיד זיין ווי מ'גייט ליגען באַגראָבען, נעבן וועמען - אויב מ'איז באַגראָבען נעבן אַ רשעָ הערט מען נישט סודות התורה - ביים לעבן זאָל מען קויפן קרקע און וויסען נעבן וועם מ'וועט ליגען, און מ'זאָל ביים לערנען דאָרט תורה - אַ מורא'דיגע מעשה פון החסיד רב עמרם.

**פרק ז':** די וויכטיגקייט פון זיך נישט גרויס האַלטן און די מעלה פון באַשיידנקייט און איר שכר - דער מענטש וואָס האַלט זיך גרויס ליגט אין די הענט פון די ס"א, עס איז גליך ווי ער דינט עבודה זרה רח"ל. - עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן, נישט מיט רייכטום, אַפילו נישט מיט חכמה און תורה - פאַרוואָס קומט דוקא אויף דעם עושר פלוצלונג דער טויט און מוז זיך שנעל שיידן פון זיין פאַרמעגן - די קינדער פון עושר שרייען און וויינען אויפן טאַטענס קבר, אָבער קיינער העלפט זיי נישט - פיל חכמים זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך זייער חכמה - דער מענטש זאָל געדענקען! אַז זיין קלוגשאַפט וועט אים נישט העלפן קעגן מלאך-המות - דורך ענוה האָבן אונזערע חכמים זוכה געווען צו "כתר תורה" - די טומאה פון דעם וואָס האַלט זיך גרויס

איז ערגער פון די טומאה פון אַ נבילה. - אַ מעשה פון אלי-הו הנביא - אין גאווה איז איינגעשלאָסן אַלע עבירות שבתורה - דער מענטש וואָס האָט די מדה פון ענוה וועט געראַטעוועט ווערן פון חיבוט-הקבר - דער עניו רעדט רואיג, פאַרנעמט שטראָף-רייד און איז מודה אויפן אמת - רוב מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס לעבן נישט אויס זייערע יאָרן - פאַרקרימען גערעכטיגקייט, נייגט אָפּ דעם מענטשן פון לעבן צום טויט - דער וואָס איז מצער מענטשן שטעלט זיך אין גרויסע געפאַרן - זייער פייפן איז אַרויף פאַר השם-יתברך... - השם יתברך מיט זיין גרויס רחמנות גיט אַכט אויף יעדן באַשעפעניש... - ווען מ׳פירט זיך נישט אויף מיט צדק און יושר אויף דער וועלט, וועט פלוצלונג קומען זיין טאָג... - איין שונא זאָל ביי דיר זיין ווי פיל - דער מענטש וואָס שעלט זיין חבר, האָט אים השם יתברך פיינט - השם יתברך שפּרייט אויס זיינע פליגלען אויף דעם גערעכטן מענטש, ס׳זאָל אים נישט שאַטן קיין קללות - די וואָס ווערן געשאָלטן אומזיסט - ווערן באַלוינט - די שטימע וועקט אויף די ביימער פון וואַלד און זיי ווערן פאַרציטערט - מ׳מיינט מ׳טוט אַ מצוה און מ׳ווערט נכשל אין אונאה!

**פרק ח׳:** די וויכטיגקייט פון אַכטונג געבן נישט צו טראַכטן קיין מחשבות-זרות ביים דאַווענען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל - דער מענטש דאַרף זיין ביים דאַווענען ווי אַ מלאך אָן וועלטלעכקייט - פון די תפילות ווערט אַ קרבן צו השם יתברך - תפילה אָן כוונה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה - איין געהעריגע תפילה ציט מיט אָן אַ שיעור נישט ריכטיגע תפילות - אַפילו ס׳גלוסט צו לערנען - איז דאָ אַ צייט פאַר דאַווענען - עס איז צייט, שלאָף אין צייט און דאַווען אין צייט - אָן דאַווענען קען מען נישט עקזיסטירן - תפילה מיט טרערן ווערט שנעל אָנגענומען - ווען אַ מענטש איז באמת באַהאָפטן צו השם יתברך, קען אים גאָר קיין שלעכטס נישט געשען - השם יתברך טוט דעם רצון פון די וואָס פאָרכטן זיך פאַר אים - אַ מענטש פילט נישט די נסים וואָס ווערן געטאָן מיט אים שטענדיק - פון דעם קלאַפּ גופא ווערט באַשאַפן די רפואה - "גם זו לטובה" - כאָטש איך זע דאָס נישט איצט - איך גיי נישט אויף מיין געלעגער ביז איך בין נישט מוחל יעדן וואָס האָט מיך וויי געטאָן - דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, איז אַרומגערינגלט מיט חסד - נאַריש איז דער

מענטש, וואָס מיינט אַז געלט איז אַלעס - די וואָס פאַרלאָזן זיך נאָר אויפן אויבערשטן - העלפט ער זיי אין גאַנצן אומנאַטירלעך - הוספה לפרק ז' - ווי דער גאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל איז געווען נזהר אין כבוד הבריות - דער איד וואָס באַגריסט אַנדערע אידן, ווערט געבענטשט פון דעם אויבערשטן - הוספה לפרק ח אות יד - אַלץ וואָס קומט אויפן מענטשן, זאָל ער גלייבן און באַשטימען ביי זיך אַז ס'איז לטובה, כדי אים אָפּצורייניגן פון זיינע זינד - וואָס דאַרף ער אַריינקומען אין מיין צימער?! ניין, איך וויל אים נישט איצט אויפנעמען! - דער רבי פלעגט אים אַזוי וואַרעם אויפנעמען, און איצט וויל ער אים נישט אויפנעמען... וואָס קען דאָס זיין? - זיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן, און איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט און פאַרשעמט - וואָס וויל ער פון מיר, ווער האָט אים בכלל גערופן אַהער? - די אויגן פון דעם גאַסט זענען געוואָרן פול מיט טרערן - מיט אַ ציטערדיג האַרץ נעבן דעם רבינס טיר זיך געשטעלט - גיי לחיים ולשלום, איך בין זייער פאַרנומען... - רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ... וואָס האָב איך געטאָן?! - וואָס ס'קען זיין די סיבה פאַרן קאַלטן קבלת פנים - ענינים וואָס ערלויבן אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ יחיד - האָפנדיג אַז אום שבת קודש וועט אים דער רבי זיכער מקרב זיין - איך ווייס נישט וואָס איז דער יחוס פון די אייניקלעך - אַלע אַנוועזנדע האָבן געהאַט מיטלייד מיט זיין צער און בושה - ער שטרענגט זיך נישט אָן צולערנען און השלמה - ער פאַרלאָזט זיך אויף זכות אבות... - פילן ממש ווי די וועלט איז זייערם. יעדער איז זיי שולדיג... - ממילא איז ער דאָך נישט סתם אַבי ווער... - אַלע זענען געווען "אבות" -נישט קיין "רבישע אייניקלעך"... - וואָס איז געשען. ער איז דאָך דער זעלבער ווי שטענדיג? - ער זאָל אים זעצן ביים עק טיש... - אַזאַ איידעלער יונגערמאַן זאָל ליידן אַזויפיל בזיונות?! - פאַרוואָס קומט מיר אַזעלכע בזיונות. - איך בין גאַרנישט ערגער געוואָרן ווי אין די פריערדיגע יאָרן - עס פעלט נישט אויס, איך האָב שוין גענוג געהאַט - מיר האָבן פרובירט מיט אַלע כוחות אַראָפּנעמען פון אים די דינים דורך די בזיונות, - די בזיונות וואָלטן געווען אַ כפרה אויף די שרעקליכע גזירה... די בזיונות האָבן געהאַט דעם ציל אַראָפּצונעמען פון אים די שרעקליכע גזירה.

**פרק ט':** ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגן פחד אויפן ציבור - די גרויסהאַלטעריי פון אַ סאַך מנהיגים, צוליב וועלכע זיי מאַכן נישט לייכטער פאַר דעם ציבור דאָס צאָלן שטייערן וכדומה - דער מנהיג קען פיל לייכטער מאַכן פאַרן ציבור - די גזירה איז בטל געוואָרן, און עס איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן - אַ וואָרענונג צו העלפן די אָרימעלייט - דער וואָס איז מקבל יסורים באהבה, ווערט געראַטעוועט פון גיהנום - מ'דאַרף מחזק זיין די אָרימעלייט, און מקבל פנים זיין געסט בסבר פנים יפות - מיט געבן ברויט צו אַן אָרימאַן, שוואַכט מען אָפּ 480 כיתות פון טומאה.

**פרק י':** די וויכטיגקייט פון איינלאַדענען אָרעמעלייט צו אַ סעודת-מצוה - דורך דעם וואָס ער פאַרבעט אָרעמע לייט צו דער סעודה, ווערט דער קטיגור אַ סניגור - איך וועל בלייבן זיצן אַן אלמנה ביז השם יתברך וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר - איין מאָל האָבן זיי נישט פאַרקויפט די האָלץ און זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן ברויט - זאָל דיין האַנט זיין אין מיר און דער בחור זאָל נישט שטאַרבן - גלייך ווען דו וועסט אים זען זאָלסטו זיך אויפהויבן פון דיין אָרט און אים אַוועקזעצן לעבן דיר און אים געבן עסן און טרינקען און אים באַדינען וויפל נאָר מעגליך - השם יתברך איז אמת און זיין תורה איז אמת - חסד מיט אָרימעלייט ראַטעוועט פון טויט - דאָס אַלץ האָט פאַראורזאַכט די גוטס וואָס דער חתן האָט געטאָן מיט דעם אָרעמאַן - דאָס עסן פון אָרעמע-לייט ביי אַ סעודה איז מכפר, פונקט ווי ביים קרבן, די כהנים עסן און די בעלים האָבן אַ כפרה - הוספה לפרק ט' - די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, ובפרט ביי ארעמעלייט און צובראכענע מענטשן.

**פרק י"א:** די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות - מ'דאַרף בעטן יעדן טאָג ס'זאָל אונז ביישטיין דער זכות התורה און זכות האבות - די תפילה האָב איך געפונען ביי די פריערדיגע חכמים, אין די טעג פון רש"י זכרונו לברכה - אינדערפרי איז אַ צייט פון באַוויליגונג און רחמים - אַ מאָל קומט אַ צרה צו דערמאָנען אויף תשובה - דער מענטש זאָל נישט שטעלן אויף זיך ביז זיין לעצטן טאָג - ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש ווערט

אַלט וועט ער מער נישט זינדיגן - און איך בין געקומען מער נישט ווי וואָרענען דו זאָלסט נישט ענדערן פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט - דאַוועגען פאַדערט: אַ ריינעם גוף און געוואַשענע הענט - איז דאָך אַמאָל זיכער אַז דער מענטש דאַרף זיך רייניגן ווען ער וויל זיך הייליגן פאַרן דאַווענען - נטילת ידים דערווייטערט די קליפות פון מענטשן - ווי איז צו די מענטשן וועלכע זענען נישט אָפגעהיט און היטן נישט דעם כבוד פון זייער האַר - אַז מ׳גרייט צו אַ כלי ביים לערנען טאָמער וועט ער אָנרירן אין אַ צוגעדעקטן אָרט אין קערפּער, און דאָס איז זייער אַ גלייכע זאַך - נישט זיצן אין שוהל לעבן אַ רשע - פון אַן עבירה ווערט באַשאַפן אַ משחית וואָס באַקליידט זיך ווי אַ האָלץ אָדער ווי אַ שטיין און שפּעטער ווערט דער בעל עבירה אַליין געשטרויכלט פון דעם - פון די עבירות ווערן באַשאַפן רויבער - דער כלל איז אַז דער כוח פון אַן עבירה וואָס ברענגט די סטרא אחרא דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן איז זייער מסוכן געוואָרן - דער אָרט וואו די עבירה איז געטאָן געוואָרן ווערט אַ מקום סכנה, און די געשיכטע פון זוהר - השם-יתברך מאָנט דאָס בלוט פונעם כהן תלמיד חכם, וואָס דער עם הארץ האָט אים געהרגעט - דאַוונען נישט נעבן אַ רשע וועט די תפלה אָנגענומען ווערן.

**פרק י״ב:** אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט זיין אויף יענער וועלט, שטייענדיג פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד - ס׳זאָל זיין דיין רצון מסדר צו זיין דיינע רייד אין מיין מויל - אויב רבי שמעון בר-יוחאי, וואָס האָט געבויט הייליגע וועלטן מיט די פּאַרע פון זיין מויל, האָט געבעטען ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, אונז על אחת-כמה - וכמה. - ווי אַזוי איז דער חסיד ר׳ חיים וויטאַל זכרונו לברכה געקומען צו זיין גרוים פאַרשטאַנד - וויל און מיינע יונגע יאָרן האָב איך געלערענט תורה אָן התמדה און נישט מדקדק געווען אין מעשים טובים - דער אריז״ל שטאַרקט און מוטיגט - רוח הקודש אין זכות פון גלוסטן נאָך חידושי תורה - אַ חסיד קומט אין חלום מיט אַ שטאַרקע ליכט אויף די האָר פון קאָפּ און פון באָרד - אַ חסיד וועלכן מען האָט געוואָלט מכשיל זיין אין אַן עבירה האָט געהערט אין חלום אַ קלאַפּ אין פענסטער און איז דורך דעם ניצול געוואָרן.

**פרק י"ג:** דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ'מאַכט אויף די אויגן, און ווי אַזוי - וואַסער קענען זייער לייכט טמא ווערן, און צוריק מטמא זיין די הענט - דריי מאָל אויף זיין לינקע האַנט, און דערנאָך אַ פערטע מאָל - אַ גאַנצן טאָג רוהט אויף אים אַ רוח טומאה - דער וואָס האָט די מורא פאַר השם יתברך, זאָל זיך פירן ווי איך האָב פריער געשריבן - פריער וואַשן די לינקע האַנט, און דערנאָך די רעכטע האַנט, אין דעם איז דאָ אַ גרויסער סוד - איינער וואָס גייט צו אַ מלחמת מצוה און איז עוסק אין דער מצוה פון מלחמה, איז פטור פון נטילת ידים - די וואָס זענען נישט עוסק במצוה, זענען זיכער מחויב אין מים אחרונים - די ערשטע דורות פלעגן נזהר זיין פון צו טרינקען זוגות, דאָס הייסט צוויי אדער פיר כוסות ווין אדער אנדערע משקאות - אַ מענטש זאָל זיך וואַשן מים אחרונים כדי דער רוח זוהמא זאָל אויף אים נישט רוען - דערפאַר דאַרף דער מענטש טאָן די מצוה בדרך כבוד, דורך דעם וועלן די מזיקים נישט קענען האָבן אַ שליטה איבער אים צו טאָן שלעכטס.

**פרק י"ד:** פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיג גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה - קער זיך נישט צו די זינד פון פאָלק, נאָר פיר זיי אַוועק פון דיין בליק - אויף גניבה, גזילה, אָפּנאַרעריי, העלפט נישט קיין חרטה, ביז מ'גיט צוריק די גניבה, גזילה, אויסגענאַרט געלט - דער וואָס האַלט צוריק דעם פאַרדינסט פון זיין אַרבעטער באַקומט אַ גרויסן עונש, ס'איז מקצר זיינע טעג רח"ל - דיין גוף איז נישט ראוי צו זיין ביי מיר ווי א פקדון, מכל שכן דיין נשמה - נישטאָ קיין גרעסערער מחלל שם-שמים, ווי דער מענטש וואָס באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער פאַר זיין אַרבעט אין זעלבן טאָג - פון יעדער מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט באַשאַפן פון דעם אַ מלאך - הוספות - לא תלין פעולת שכיר - די הלכות פון שכירות גייען אָן אויך ווען מ'דינגט אַ כלי. - באַצאָלן דירה-געלט - אַרבעטער אויף דער וואָך אָדער אויפן חודש - אויב מען דינגט אַן אַרבעטער דורך אַ שליח - די האַרבקייט פון דעם איסור פון "לא תלין" - הוספה בעניני שידוכין - אין ספר שלחן הטהור ברענגט ער אַ מורא'דיגע מעשה.

**פרק ט"ו:** די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת - אַלע קריגעריַיען קומען צוליב שנאת חנם, און שנאת חנם קומט צוליב געוואוינען דאָס מויל צו שעלטן - דער וואָס שעלט ווערט אַליין געשעדיגט ח"ו - דער וואָס שעלט, איז זיין נשמה פון דער סטרא אחרא - אַ מויל וואָס בענטשט שטענדיג, איז זיין נשמה פון קדושה וואָרצל, און וועט זוכה זיין צו עולם-הבא - דער מענטש וואָס זאָגט אָן בשורות טובות פאַר תלמידי-חכמים, קריגט באַלד זיין חלק אין גן-עדן - דער וואס שעלט קומט די קללה צוריק צו אים אליין און ס'האט נישט קיין רפואה - אַ מענטש וואָס דערווייטערט זיך פון קריגעריַיען, וועט נישט קומען צו קיין קללה - דער וואָס איז יונגער בעט איבער דעם עלטערן פון אים - דער וואָס איז פוגם אין כבוד פון זיין רבי'ן, טוט אוים די שיך און זעצט זיך אויף דער ערד - די גרויסע עניוות וואָס הערשט ביי די הייליגע חבריא אין ארץ ישראל.

**פרק ט"ז:** די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם און וואָס איז דער גורם דערצו - ווער ס'איז עובר אויף אַ חרם, איז גליַיך ווי ער איז עובר אויף דער גאַנצער תורה און די רייד פון די נביאים - וואָס איז גורם אַז דער מענטש זאָל עובר זיין אויף אַ חרם - די התרים זענען פאַר אים ווי דערנער וואָס ער ווערט געשטרויכלט דורך זיי - עס איז פאַראַן אַ צייט ווען חרטה העלפט שוין נישט - די פיר ווינטן וואָס בלאָזן יעדן טאָג - "מלאכי" זענען די זעלבע אותיות ווי "מיכאל" - אַלע ברכות וואָס גייען דעמאָלט'ס אַרויס פון מענטשנ'ס מויל, ווערן מקויים און ער וועט זיין פריילעך אַ גאַנצן טאָג - דער מערב ווינט בלאָזט על פי רוב פון האַלבן טאָג ביז נאַכט - דעריבער פאַרבייט השי"ת די מלאכים, כדי מענטשן זאָלן נישט זאָגן, אַז אַ מלאך האָט פאַר אים געטאָן די רפואה - נאָר השי"ת אַליין - דער מלאך וואָס איז באַשטימט אויף דעם, הייסט אוריאל - אַלע מענטשן שלאָפן דעמאָלט'ס און קיינער איז נישט מתפלל פאַר זיי - דער ווינט איז שלעכט צו אַלעם, אָבער פאַר די קראַנקע איז ער גוט - די צייט ווען דער אויבערשטער פרייט זיך מיט די צדיקים אין גן עדן - דער מענטש וואָס האָט שכל, זאָל אויפשטיין פון בעט און עוסק זיין אין תורה פון האַלבע נאַכט ביז אינדערפרי - דאָס איז פאַר מיר מער ניחא ווי אַלע שירות

ותשבחות אין הימל - מענטש, מאַך אַ פאַרגעניגן פאַר השי"ת, ווייל ווענן דעם ביזטו באַשאַפן געוואָרן - דער אויבערשטער קוקט אויף די אידן יעדע רגע און שטעלט אַוועק מלאכים פאַר זיי - זיבן טויערן צום גן עדן - מאַכט פלאַץ פאַרן חסיד, דיין קומען זאָל זיין מיט פרידן - דאָרט זענען פאַראַן די כרובים און דער "להט החרב המתהפכת" - אַ זייל וואָס איז אַן אויסמיש פון וואָלקן מיט ליכטיגקייט - זי האָט גרויס תענוג פונעם גוטס וואָס מ'איז משפיע אויף איר - דער דאָזיגער גן-עדן שיינט מיט אַ העכערע ליכטיגקייט - דער גרויסער שר מיכאל, איז מקריב די דאָזיגע נשמה ווי אַ קרבן פאַרן אויבערשטן - וואויל איז צו דיינע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב - די נשמה וואָס איז זוכה אַריינצוקומען אין זיבעטן טויער, "ערבות", ווערט אַ מלאך.

**פרק י"ז:** די עלף טיילן פון טומאה וואָס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי. - אויך ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון פירן זיך בקדושה ובצניעות. - דער מענטש וואָס מאַכט פאַר זיך אַ גדר, ווערט אָפּגעהיטן קעגן די חיצונים - מ'דאַרף זיין געוואָרנט נישט צו טרעטן אויף די נעגל פון אַן אומריינע פרוי - דעריבער דאַרף מען זיך דערווייטערן ווי ווייט מעגלעך פון אַ פרוי אין איר צייט - די חלומות קומען וואָרענען די מענטשן אַז זיי ווערן געשטרויכלט מיט אַן עבירה - אויב אַ מענטש דערווייטערט זיך בעת זיין פרוי איז נישט ריין, רוט די שכינה אויף אים - די 18 ברכות פון שמונה עשרה זענען אַנטקעגן די 18 חוליות פון חוט השדרה - מ'דאַרף אין זינען האָבן דעמאָלט דעם רצון ה', ס'זאָל אַרויסקומען הייליקע קינדער - אויב די כוונה איז נישט צו האָבן קינדער בני-תורה און יראי ה' איז אַ שאָד די באַמיאונג - וואָס רבי יוסי בן פזי האָט דערציילט וועגן די קדושה פון אהבה, דער פאָטער פון רב אדא וועלכער ווערט אָנגערופן אין חז"ל "רב אדא בר אהבה" - אהבה האָט נישט געוואָלט רעדן צו אַ מענטש וואָס ער איז נישט געווען זיכער אַז יענער האָט אַ הייליגע נשמה.

**פרק י"ח:** דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באַשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג - אַמאָליגע חסידים האָבן אויף אַלעם אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה - ווי אַזוי אַ שלאַנג האָט געראַטעוועט רבן שמעון בר יוחאי מיט זיינע צוויי תלמידים - השם יתברך איז מבטיח דעם צדיק,

אַז עס וועט אים קיין בייז טרעפן - מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין שום באַשעפעניש - דער בעל הנם דאַרף מתקן זיין אַ גוטע זאַך - דער מחבר פון ספר שיבולי הלקט דערציילט ווי דער אויבערשטער האָט אים געראַטעוועט פון טויט - דאָס ליכט איז אַ רמז אויף די נשמה, און אַזוי ווי דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צוברענען אַזוי גיך וועסטו האָבן אַ רפואה - איך האָב תיכף זיך געשטאַרקט און מחבר געווען דאָס ספר "שיבולי הלקט", אויף תורה, נביאים און כתובים - אַ מענטש טאָר נישט זיין קיין כפוי טובה - עס איז גוט נישט אַרויסצו-ווייזן רייכטום, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען מקרב זיין אָרימעלייט - אין זכות פון דעם מענטש וואָס נעמט אַריין אין הויז ערליכע אָרימעלייט, ווערן אַסאַך עקרות געהאָלפן מיט קינדער - דו קענסט זיין זיכער אַז אין דעם יאָר וועסטו האָבן אַ זון, ער וועט זיין אַ גרויסער תלמיד חכם - יעדן טאָג איז מען דן די נפטרים פאַר נישט זאָגן ברכות מיט די געהעריגע כוונה - יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט, ווערט פאַרצייכנט אין הימל - אין קאַמף מיטן מכשף.

**פרק י"ט:** דער חוב וואָס ליגט אויפ'ן מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי"ג מצוות און קענען זייערע הלכות - אויב דער מענטש פאַרפעלט אַפילו איין מצוה, דאַרף זיין נשמה נאָך אַמאָל מגולגל ווערן ח"ו משלים צו זיין וואָס זי האָט פריער נישט דערפילט - אַ מענטש זאָל זיך נישט פוילן צו לערנען יעדן טאָג און מקיים זיין די מצוות, ווי ווייט מעגלעך, ווייל ווער ווייסט וואָס ס'וואַרט אויף אים... - 30 טעג פאַר די פטירה גייט די נשמה אַרויף יעדע נאַכט אין הימל - די צורה פון מענטש ווערט פינסטער און זיין שאָטן טוט זיך אָפּ פון אים - פאַרוואָס ביזטו היינט מער טרויעריג פון אַלע טעג? - זאָלסט נאָכזאָגן מיינע פשטים, הלכות און סודות; זאָלסט האַלטן מיין זון ביים לערנען; זאָלסט מתפלל זיין פאַר מיר אויף מיין קבר גאַנץ "שבעה" - ווען איך וויל זען מיין שאָטן - זע איך אים נישט... - זאָלסטו אויסדערוועהלן מיין אָרט לעבן דיר, אַזוי ווי מיר זענען געווען חברים אויף דער וועלט - מיר זאָלן זיך די דרייסיג טעג אויך נישט צעשיידן - דער וואָס איז געוואוינט שטענדיג אַריינצוגיין צו מיר, זאָל היינט אויך אַריינגיין, אָבער דער וואָס איז נישט געוואוינט אַריינצוגיין, דער זאָל היינט אויך נישט אַריינגיין - זעץ דיך ביי דער טיר, און ווען מען דו וועסט זעהן זאָלסטו נישט

רעדן מיט אים, און אויב ער וועט וועלן אַריינגיין זאָלסטו אים באַשווערן אַז ער זאָל נישט אַריינגיין - אין דער צייט ווען אַ מענטש דאַרף שטאַרבן קומען צו אים זיין פאָטער און זיינע קרובים און ער דערקענט זיי, און אַלע זיינע חברים זאַמלען זיך איין צו באַהעפטן זיך מיט אים - האָר פון דער וועלט, לאָז רבי יצחקן בלייבן ביי אונז, ווייל ער איז איינער פון די זיבן אויגן וואָס לייכטן אויף דער וועלט - רבי יצחק איז דיר געשענקט, ער בלייבט לעבן ביזן טאָג ווען דו וועסט נסתלק ווערן, דעמאָלטס זאָלסטו קומען מיט אים - וואו רבי שמעון בר יוחאי געפינט זיך האָב איך נישט קיין רשות אויסצופירן אַ גזר דין - מ'האָט דאָרט געמאַכט פענסטער פאַר דיינעט וועגן, כדי די ליכט פון אויבערשטן זאָל אויף דיר שיינען פון אַלע פיר זייטן - ווען רבי שמעון בר יוחאי וועט נפטר ווערן דעמאָלטס וועסטו אָנגרייטן זיין טיש - רבי שמעון בר יוחאי האָט דערקענט אויף רבי יצחק אַז ער האָט געהערט עפּעס נייעס - דער אויבערשטער האָט מיך צוגענומען פון דער האַנט פונעם מלאך המות - השי"ת זאָל אים אַרויסציען פון "פרידן צו פרידן" - פון פרידן פון די צדיקים צום פרידן פון די מלאכים.

**פרק כ':** דער חוב צו דאַווענען "שמונה - עשרה" מיט כוונה - דער זכות פון די אבות: אברהם, יצחק און יעקב איז זייער גרויס, און אונזער קיום ווענדט זיך אין זייער תפילה - די הערצער פון מענטשן זענען פאַרשטאָפּט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דער וועלט, און ווי אַזוי השם יתברך געפינט זיך מיט זיי שטענדיג - דריי מאָל אַ טאָג קומט אַריין אַ ווינט אין דער מערת המכפלה און דערוועקט די אבות הקדושים מתפלל צו זיין פאַר זייערע קינדער - דריי מאָל אַ טאָג גיסט אליהו הנביא וואַסער אויף די הענט פון די אבות איידער זיי זענען מתפלל - וואַשן זיך די הענט איידער מ'דאַווענט, שאַפט זיך אַ כוח הקדושה - אַ סגולה אין אַן עת צרה ח"ו, צו דערמאַנען מיט גרויס כוונה די אבות הקדושים אין דער תפילה. - אַ מענטש וואָס נייגט אָפּ פון ריכטיגן וועג און פירט זיך נישט בדרך אבותינו, איז כדאַי פאַרשעמט צו ווערן נאָכדעם וואָס זיין נשמה טוהט זיך אָפּ פון אים - פון אַלע מצוות ווערט אַ טייערער מלבוש פאַר דער נשמה אויף דער וועלט, און אין עולם הבא - די רוחניות'דיקע קליידער וואָס אַ מענטש שאַפט פאַר זיך פון זיינע מצוות, לייכטן אין גן עדן נאָך ביי זיין לעבן -

יעדן טאָג זיצן אין גן עדן, שורות וויז, די נשמות פון צדיקים מיט זייערע לבושים און לויבן השם יתברך מיט געהויבענעם כבוד - אַלע זייערע גוטע מעשים ווערן אין זייערע אויגן גערעכענט ווי אַ טראָפּן פון ים אַנטקעגן זייערע עבירות - די צדיקים ווען זיי זעען אַ חילול השם זענען זיי מוכיח און אין האַרץ זענען זיי מתפלל השם יתברך זאָל נייגן די הערצער פון רשעים צום גוטן - ווען זיי גייען אַריין אין פייער זאָגן זיי, דאָס איז געווים דער גיהנום. ווען זיי גייען אַריין אין שניי זאָגן זיי, דאָס איז די קעלט פון דעם ווינטער - די וואָס האַלטן די מצוות פאַרוויז, מילה און פריעה, ציצית און תפילין, מזוזה און נר חנוכה - האָט דער אַלטער געזאָגט, איך וויל נישט, ווייל איך בין אַלט און דו ביזט יונג, קענסטו דאָך בעסער גיין פון מיר - פאַרוואָס האָסטו מיך געהייסן זאָגן אַ פסוק? - כדי דער וועג זאָל נישט זיין אומעטיג - דו האָסט ריכטיג געטוהן. גיי מיט אונז, און לאָמיר זיך דאָ זעצן, וועלן מיר הערן דברי תורה פון דיין מויל - יעדער איינער וואָס זעט שלעכטע מעשים פון רשעים און שטראָפט זיי נישט מיט מוסר רייד, איז עובר אויף דריי לאווין - געלויבט איז דער אויבערשטער אַז מיר האָבן זוכה געווען דאָס צו הערן, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס די דאָזיגע ווערטער זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן - דער אויבערשטער האָט גענומען דעם שם י"ה און אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט "עירה" וואָס עס וואָלט געדאַרפט שטיין "עיר", נאָר כדי עס זאָל זיין דער אות ה"א פון דעם שם י"ה אין דעם וואָרט "עיר" - עס וואָלט בעסער געווען פאַר דעם קינד ווען ער זאָל נישט וויסן אַזוי פיל סודות - אין דער צייט ווען מיין פאָטער איז נסתלק געוואָרן האָט ער מיך געבענטשט און געבעטן דעם אויבערשטן, איך זאָל אויסלעבן אַלע מיינע יאָרן, און איך ווייס אַז דער זכות פון מיין פאָטער וועט שיצן אויף מיר - זיי האָבן אים גענומען און געטראָגן אויף זייערע אַקסל דריי מייל, און זיי האָבן אים געבענטשט - דער זכות פון דער תורה פון רבי המנונא סבא, און דער זכות פון זיין אייגענע תורה, וועט אויף אים זיכער באַשיצן אַז ער זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן - אונטערוועגנס דאַרף מען זיך באַהעפטן נאָר מיט תלמידי חכמים - די גרויסע ענוות פון רבי יהודה און רבי יצחק, וואָס האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין אינגל - הוספה לפרק כ' - די מעלה פון די צדיקים וואָס זענען מקנא קנאת ה' אַזוי ווי אליהו מלאך הברית - בענין

שכר ועונש, גיהנום וגן עדן, ונהר דינור (פון ספר הקדוש שבט מוסר פרק כו). - דער ענין פון גיהנם, עס איז דאָ וואָס דאַרפן נאָר אָפּגעשווענקט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויך גע'כשר'ט ווערן, און אַזעלכע וואָס דאַרפן אויסגעגליהט ווערן, אויך איז דאָ וואָס האָבן נישט קיין תקנה אַזוי ווי ערדענע כלים. – פון ספר נשמת חיים - די שטראָף פונעם גוף מיט די נשמה אין גיהנם - וואָס איז דער אונטערשטער גיהנום - אַ טייל פון די לעבעדיגע מענטשן וואָס האָבן געזען די טיר פון גיהנם וואָס איז אין אַ ווייטער מדבר און די טיר פון גיהנם וואָס איז אין ים וכו' - די גיהנם פון אויבן איז דער נהר-דינור, און אויך די בושה און צער וואָס ער האָט פון דעם וואָס דער חבר איז העכער פון אים - עס איז דאָ אַ גן-עדן אויף דאָ אויף דער ערד, און דאָס האָט רבה בר אבוה געזען ווען אליהו האָט אים ארומגעפירט און ר' יהושע בן לוי ווען דער מלאך-המות האָט אים געפירט. – דער ענין פון עסן און טרינקען אין גן עדן, זענען רוחניות'דיגע תענוגים - דער ענין פון אויבערשטן גן-עדן - מסכת גיהנם פון בעל ראשית-חכמה - עס איז דאָ זיבן מיני גיהנם, יעדע גיהנם האָט זיבן מדורים וכו' - אַ מענטש האָט אַ בחירה צו זיין אַ צדיק, ווייל מען האָט נישט גוזר געווען אויף אים אַז ער זאָל זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע. - מסכת חיבוט הקבר - פון ספר ראשית חכמה פי"ב בשם כמה ספרי ראשונים - וואָס זאָל דער מענטש טוהן אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון דין הקבר? - מסכת גיהנום - תוכחת מוסר פון רבינו בחיי החסיד (מסוף ספר הקדוש חובת הלבבות).

**פרק כ"א:** דער דקדוק וואָס מען איז מדקדק מיטן מענטשן ביים בית דין של מעלה איז זייער גרוים - מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט הלכות? - מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט תורת כהנים? - פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט אַלע פינף ספרים פון דער תורה? - ווען דער חכם דרש'נט אדער ווען די אידן זאגן "יהא שמיה רבה" בין איך מוחל זייערע עבירות - "כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִים אֶל הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא" - פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט גמרא און די מעשה מרכבה - ווייי איז צו אונז פון דעם טאָג פון שטראָף - עס איז באַליבט פאַרן אויבערשטן ווען ער זעט אַ איד פרייט זיך ווען ער ברענגט אַריין זיין זוהן אין חיוב המצוות צו 13 יאָר - "צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן" -

אַז ער וויל זיין גוט, גיט מען אים אַ הייליגע נשמה - די גרויסע סעודה וואָס רבי שמעון בר יוחאי האָט געפּראַוועט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר ווען ער איז געוואָרן בר מצוה - אין היינטיגן טאָג נידערן אַראָפּ הייליגע נשמות צו מיין זוהן רבי אלעזר - אין היינטיגן טאָג וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך הייליגן אין דעם גורל פון די הייליגע צדיקים - היינט קרוינט מען רבי אלעזר מיט אַ הייליגע קרוין - די שמחה זאָל זיין אַ גאַנצע - ווער עס איז קובע אַ שיעור און איז עוסק אין גמילות חסדים און מעשים טובים, ווערט זיין נשמה באַהאָפטן צו די נשמות פון די צדיקים - מיט וואָס זאָל ער זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן? - ווען אַ מענטש וואָלט אַריין געטראַכט וויפיל ער מאַכט קאַליע, וואָס ער איז נישט חס אופן כבוד פון באַשעפער, וואָלט ער אַוודאי נישט געטאָן קיין שלעכטס - נאָך האַלבע נאַכט איז אַן עת רצון אין הימל, ווייל דער אויבערשטער גייט דאַן אַריין מיט די צדיקים אין גן עדן - ביים עלות השחר דאַרף מען אויפשטיין פון שלאָף און זאָגן שירות ותשבחות פאַרן אויבערשטן - דער קול התורה, איז פאַרן אויבערשטן מער ניחא, ווי אַלע געזאַנגען וואָס די מלאכי השרת זאָגן פאַר איהם - קיין שום אויג האָט נישט געזעהן דעם גן עדן - דער עדן פון אינעווייניג און דער גן פון דרויסן.

**פרק כ"ב:** דער גרויסער חטא פון פגם הברית. - יעדע מצוה ווערט פאַרצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז"ל מיטן אַר"י ז"ל. - די סיבה פאַרוואָס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט - ווי איז צום מענטש וואָס איז גורם אַז די קדושה זאָל משועבד ווערן צו דער טומאה רח"ל - די גלידער און אָדערן פון מענטש באַטרעפן אַזויפיל ווי די תרי"ג מצוות - אויפן מענטשנס שטערן אין פנים דערקענט מען זיינע עבירות - אַ מעשה פון אַריז"ל מיט רבי חיים וויטאַל ז"ל - אַן איבערגעדרייטע גימ"ל צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געטוהן גענוג חסד מיט זיין פאָטער - ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווערט זי פאַרצייכנט אין אַן אות פון אלף-בית אויף זיין פנים - אום שבת, ווען די נשמה יתירה קומט צו אידן, ווערט אינגאַנצן פאַרדעקט דער צייכן פון זינד - דער שטערן ווייזט עתידות - וואָס רבי אבא און רבי יוסי האָבן געזעהן אויפן שטערן פון אַ איד אַן עבירה פון

כרת בשוגג - איר זאָלט מיך נישט שטראָפן, ווייל מיינע עבירות האָבן גורם געווען דעם צייכן - וואָס פאַר אַ רפואה האָט ער דיר געגעבן? - דורך טרערן וואַשט מען אָפּ דעם רושם פון דער עבירה אויפן שטער - פון היינט אָן זאָל איך לערנען תורה טאָג און נאַכט - דער נאָמען איז גורם פאַר'ן מענטש תשובה צו טוהן - ווי נאַריש זענען מענטשן, וואָס פרעגן נישט, ווייסן נישט און באַטראַכטן נישט צו ווייסן השי"ת וועגן, אויף וואָס די וועלט שטייט? - דער ליידיגער מענטש ווייסט נישט צו לערנען תורה, און דער נאַר ווייסט נישט דעם סדר פון דער שכינה - די צדיקים ווערן געשטראָפט אויף דער וועלט כדי זיי זאָלן באַקומען שכר אויף יענער וועלט, און די רשעים האָבן מנוחה אויף דער וועלט כדי געשטראָפט צו ווערן אויף יענער וועלט - פלוצלונג וועט דיין שעה איבערגעקערט ווערן, און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט דערבאַרעמען - דער אויבערשטער ברוך הוא טוט פאַר זיי זייער ווילן אויף דער וועלט כדי זיי צו פאַרלענדן אויף יענער וועלט - ביי די צדיקים ווערט פאַרצייכנט און אויסגעקריצט אויפן שטערן אַלע זייערע גוטע מעשים פאַר זייער טובה וועגן - דער געליבטער זוהן וואָס איז משמח דעם אויבערשטן ברוך הוא - דורך מיין תשובה צוזאַמען מיט דער ברכה פון צדיק איז דער צייכן אַוועק - וואויל איז דיין חלק אויף דער וועלט, און וואויל איז דיין חלק אויף יענער וועלט - איך בין עם געווען דער וואָס האָט דיך דעמאָלס באַגעגנט אין וועג און געבענטשט - פרידן זאָל זיין צו דיר אויף דער וועלט, און פרידן זאָל זיין צו דיר אויף יענער וועלט - דאָס גרויסקייט און חשיבות פון תהלים פון פשוטע תהילים אידן - דורך תהלים זאָגן דערגרייכט מען הויכע מדריגות - דוד המלך איז מקבל פנים פאַר אַ איד אַ תהלים זאָגער - די סגולה פון תהלים זאָגן - דער כח פון זאָגן תהלים - הצדיק רבי יעקב קאָפּיל חסיד אמר כל יום תהלים כשהיה מלובש עם תכריכים ושוכב בקבר וזכה לבן קדוש שצדיקי הדור אמרו עליו שהוא משיח בן דוד - רבי מנחם מענדל מקאסוב זי"ע איז משיח בן דוד - ע"י אמירת תהלים בשופי נולד הגה"ק העילוי מאסטראווצע זצ"ל - תפלה מיט הייסע טרערן קען דורכברעכן אַלע טויערן.

**פרק כ"ג:** ווי אַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך וואָס ווערט אָנגערופן מט"ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צום אויבערשטן אויף יעדער זאַך גרויסע און קליינע, סיי די באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי די באַדערפענישן פאַר דער נשמה, ווייל אַלעם ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר' אבנר, דער תלמיד פון רמב"ן ז"ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן ער זאָל תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען אין שוהל - וואָס טוט דאָ אַ מענטש וואָס ער איז געבוירן פון אַ פרוי, וואָס קומט פון אַ טיפה סרוחה, אַז ער זאָל זוכה זיין אַרויפצוגיין אין די הויכע הימלען צו באַדינען צווישן אונז - דער דאָזיגער מענטש, חנוך, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָט געגלויבט אין מיין גרויסן כבוד - מ'האָט פאַר מיר געעפנט צוויי מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט טויערן פון: חסד, בינה, לעבן, ליבשאַפט, גבורה, תורה, פרנסה און יראת חטא - באַשיינט געוואָרן מיט די אַלע גיטע געליבטע מצות, מער פון אַלע מענטשן - השי"ת האָט מיך באַשטימט איבער אַלעמען וואָס דער מענטש דאַרף, דאָס איז תורה, יראה, חכמה און פרנסה - אַלע תפילות פון אידן גייען אַדורך דעם מלאך מט"ט - אַז מען בעט ערנסט העלפט דער אויבערשטער, איבערצודרייען די שלעכטע מידות צום גוטן - השי"ת איז מזכה דעם מענטש וואָס איז מתפלל צו אים מיטן גאַנצן האַרץ, ער זאָל בעטן אויך פאַר אַנדערע - אפשר וועט ער געפינען אַ פאַסיגע צייט אַז השי"ת וועט אַריינגעבן אין זייער האַרץ זיי זאָלן תשובה טוהן - די מעשה פונעם רמב"ן ז"ל מיט זיין תלמיד ר' אבנר - אַבנר האָט גענומען אַ חזיר אים געטויט, אָפּגעקאָכט און געגעסן פאַר די אויגן פון רמב"ן - ער האָט זיך מיט אים אַזוי לאַנג מפלפל געווען ביז דער רמב"ן האָט מודה געווען אַז ער האָט עובר געווען אויף פינף לאוין - צוליב אַ הרהור נאָך זיין רבי'ן איז דער תלמיד געוואָרן אַ כופר - אַלע פאַסירונגען זענען מרומז אין פרשת האזינו - די דריטע אותיות פון דעם פסוק זענען די ראשי תיבות "ר' אבנר" - אויב ער וועט תשובה טוהן וועט ער האָבן אַ תיקון און אַ היילונג? - דער תלמיד זאָל כאָטש האָבן אַ טיילווייזע כפרה אויף זיינע עבירות - דער תלמיד איז געקומען צום רמב"ן אין חלום, און האָט אים מחזיק טובה געווען - אַזוי ווי דער טייך ברענגט

דעם מענטש פון טומאה צו טהרה, אַזוי אויך זענען די בתי כנסיות מטהר דעם מענטש - די פגמים און פלעקן וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע זינד, ווערן גערייניקט און ווייס - דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות וועט אָננעמען זיין נשמה אין דער צייט ווען ער וועט שטאַרבן און ער וועט קומען פון פרידן צו פרידן

די מדה פון צדיק, און דאָס גערעכטיקייט וועט פאַר דיר שטיין.

**פרק כ"ד:** די וויכטיגקייט פון טראַכטן דברי תורה ווען מ'גייט אויפ'ן וועג. - זיך דערווייטערן פון וויסטע ערטער וואָס זענען געשטאַנען לײדיג מער ווי זיבן יאָר. - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב. - די שענדליכקייט פון קמצנות אָדער פזרנות. דער חיוב פון שטיצן ערליבע אָרימעלייט - דער מענטש וואָס פעדערט אָדער שפעטיגט זיך צו גיין אין גאַס ווען עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, זאָל זאָגן די פסוקים "השלך על ה' יהבך" וגו', און "גול על ה' דרכך" וגו' - זאָגן "תפילת הדרך" פאַרן גיין אין וועג - פזרנות איבער די מאָס איז אויך נישט גוט - דער מענטש זאָל מתפלל זיין תפילת הדרך איידער ער גייט אַרויס אין וועג - איידער דער מענטש גייט אַרויס אין וועג אַריין מוז ער נעמען ערליבעניש פון זיין האַר - ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין וועג איז נאָך נישט געווען די צייט צו דאַווענען און לייענען קריאת שמע - דער וואָס האָט עבירות דאַרף זיך פאַרכטן, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט פאַרכטן - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב ח"ו - ביים בויען אַ הויז מוז מען אַרויסזאָגן מיטן מויל אַז מען בויט דאָס הויז פאַר דעם אויבערשטן'ס וועגן, צו טוהן דאָרט מצוות און מעשים טובים - אַ הויז וואָס ווערט געבויט פאַר ליצנות און אַנדערע עבירות, רוהט דאָרט די סטרא אחרא רח"ל - דער ענין פון נגעים ווען אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל - ביים בויען אַ הויז זאָל מען צוערשט אָנגרייטן אַן אָרט צו לערנען און וואו צו האַלטן די ספרים - בכל דרכיך דעהו - תפילה צום אויבערשטן אַז מען זאָל האָבן האַרץ פון רחמנות - דער עושר וואָס העלפט נישט די אָרעמעלייט, גיט פיס און בוח פאַר דעם נחש הקדמוני.

**פרק כ"ה:** די כוונה פון מדרש "יברכך ה' בממון וישמרך מן המזיקין". - דער קמצן ווערט איבערגעגעבן אין רשות פון דער סטרא אחרא און

די מזיקים געוועלטיגן אויף זיין געלט. - דער וותרן געהערט צו דער סטרא דקדושה - דער קנם וואָס מר בר רב אשי האָט גע'קנס'עט אַ מזיק - די מזיקים קענען נאָר שולט זיין אויף די פאַרמערונג פון דער ברכה, אָבער נישט אויף דעם קרן - דער מענטש וואָס איז קאַרג צו געבן צדקה, געפינט זיך אין רשות פון דער סטרא אחרא רחמנא ליצלן.

**פרק כ"ו:** דער קאַרגער צר עין איז גורם שלעכטס פאַר זיך און פאַר דעם מענטש וואָס האָט פון אים הנאה. - אַ מעשה ווי אַזוי נחום איש גם זו האָט אויף זיך מקבל געווען יסורים ווייל ער האָט נישט תיכף געגעבן צו עסן פאַר אַן אָרימאַן. - א פשט אויף דעם פסוק "צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר". - דער צר עין דאַרף תשובה טוהן אויך פאַר דעם וואָס ער האָט גורם געווען אַ צרה פאַר אַ צווייטן - דער קמצן און צר עין איז גורם שלעכטס אויך פאַר זיך - פאַרוואָס נחום איש גם זו האָט אויף זיך גענומען יסורים אויף דער וועלט - ווען מען לאַדנט געסט דאַרף מען זיי געבן עסן מיט אַ ברייטע האַנט - פאַרוואָס עס איז געקומען אַ האַרבע שטראָף אויף נבל.

**פרק כ"ז:** די גרויסע חשיבות פון דעם מענטש וואָס איז מחדש אמת'דיקע חידושים און די שטראָף פון דעם וואָס איז מחדש מיט פאַרקרומטע הקדמות. - פיר מדריגות ביי תפילה: עבדים, עניים, חסידים און מקדשי שם שמים. - די מעלה פון דעם אָרימאַנ'ס תפילה. - דער נוסח פון ווידוי צו זאָגן ביי "שמע קולנו". - די גרויסקייט פון תפילה בציבור. - די ניסים וואָס זענען געשען מיט די מענטשן וואָס האָבן עולה רגל געווען קיין ירושלים ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען. - אַ בת קול רופט אוים פאַר די מיטה פון דעם ערלעכן איד, לאָמיר אים ברענגען צו זיין היכל אין גן עדן מיט כבוד - דער שכר פון דעם וואָס איז מחדש אמת'דיגע חידושי תורה - די וויכטיגקייט פון מכוון זיין ביים דאַווענען - שפלות הרוח ביים דאַווענען - די וויכטיגקייט פון תפילה בציבור - דער אויבערשטער פרעגט זיך נאָך אויף דעם וואָס קומט געוועגליך און שוהל און אַמאָל קומט ער נישט - דער שכר פון די וואָס היטן די מצוות.

**פרק כ"ח:** די וויכטיגקייט פון בטחון אין דעם אויבערשטן, און די

שענדלעכע עבירה פון כישוף. - דער כח פון בלעם הרשע צו טוהן כישוף. - דער שלעכטער סוף פון די מענטשן וואָס גייען נאָך כישוף. - אַ מעשה נורא וואָס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש. - פאַרוואָס בלק ווערט אָנגערופן "בן צפור" - די הויפטן פון כישוף, עז"א און עזא"ל - בלעם האָט זיך געמוזט גאָר שטאַרק מטמא זיין כדי זיך אויסצולערנען דעם כישוף - די סטרא אחרא נעמט צו די נשמה פון דעם מענטש וואָס וויל מאַכן כישוף - די טרערן פון דעם בעל תשובה צוברעכן די שטארקייט פון די סטרא אחרא.

**פרק כ"ט:** ווי אַזוי בלעם הרשע איז אומגעקומען דורך צליה פון שבט דן, אויף דעם באַפעל פון פנחס. - דער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס, אַז זיי ווערן שלענג און עקדיסן, און זייערע נשמות ווערן שדים רחמנא ליצלן. - ווי אַזוי בלעם הרשע האָט געמאַכט זיינע כישוף. - דוד המלך האָט בטל געמאַכט דעם כח פון דעם טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם האָט גענוצט. - דער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף, וועט זוכה זיין צו עולם הבא - וויאַזוי בלעם הרשע איז געצוואונגען געוואָרן צו קומען פאַר פנחס - דער מיאוס'ער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס - דער טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם הרשע האָט געמאַכט און באַהאַלטן 1,500 איילן אין דער ערד, האָט דוד המלך שפּעטער געפונען און בטל געמאַכט זיין כוח - מיט'ן כוח פון די 15 "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת" איז מען מבטל דעם כוח פון כישוף.

**פרק ל':** פיר מדות פון צדקה. - די שרעקליכע נאַטור פון די קמצנים וואָס געבן נישט קיין צדקה. - די מענטשן מיט אַ שלעכט אויג וואָס געבן אַביסל צדקה נאָר כדי זיך גרוים צו האַלטן. - דאָס חשיבות פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביים לעבן און זענען עוסק אין תלמוד תורה און גמילות חסדים - די קמצנים זענען פון די כיתות פון די קליפות רח"ל - די מעלה פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביי זייער לעבן - די וואָס טוהען גרינגשעצן דעם כבוד פון זייערע עלטערן נאָך זייער טויט - דאָס בעסטע איז צו געבן צדקה ביים לעבן.

**פרק ל"א:** די חשיבות פון תפילה אינדערפרי, מער ווי אין אַנדערע צייטן. - ווי אַזוי רבי יוסי בן פקיען איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים. -

פאַר יציאת נשמה ווייל דער שטן זיך אָנקלעפּן אין דעם גוף פונעם מענטש, אָבער ביי אַן ערלעכן איד שטופּט דער אויבערשטער אַוועק דעם שטן. - ווען אַ מענטש האָט יסורים ח"ו, זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז כדי ער זאָל אפּקומען די שטראָף פאַר זיינע עבירות - אינדערפרי איז אַ גרויסער עת רצון פאַר דעם גוף און פאַר דער נשמה - די תפילה פון אינדערפרי ווערט אָנגענומען - ביי די פּטירה פון אַ צדיק קומט די שכינה און דער שטן ווערט אפּגעשוואַכט - אפילו די נשמה פון דעם צדיק מוז נידערן אין גיהנום אויף אַ קורצע רגע - די יסורים זענען כדי צו רייניקן דעם מענטש פון זיינע זינד - דורך אָננעמען די יסורים שוואַכט מען אָפּ דעם כוח פון דער סטרא אחרא.

**פרק ל"ב:** די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיקע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע - די טעג ווען קינדער טאָרן נישט גיין אַליין אויף דער גאַס - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין דער אויבערשטער זאָל אים ראַטעווען פון די שלעכטע ווינטן און פון אַן עין הרע - עלף פסוקים וואָס פאַנגען זיך און ענדיקן זיך מיט'ן אות נו"ן, זענען מסוגל קעגן ישוף און עין הרע.

**פרק ל"ג:** די וויכטיגקייט פון זאָגן יעדן טאָג "והוא רחום יכפר עון" וגו', ווייל עס איז מכפר אויף די עבירות. - מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות כאָטש איין מאָל אַ חודש. - דער וואָס איז מנודה ח"ו, ווערט זיין תפילה נישט צוגעהערט. - דער מענטש זאָל אויסוויילן איין טאָג ווען צו זיין פריי פון אַלעם און תשובה טוהן ביי זיך אין דער היים אַזוי ווי ער וואָלט ח"ו געווען מנודה. - דער נוסח פון ווידוי - די שוועריגקייט ניצול צו ווערן פון אַן עבירה אויף וועלכע מ'איז מחוייב מלקות - מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות - די תפילה פון דעם מנודה ווערט נישט אָנגענומען - אַ נוסח פון ווידוי צו זאָגן.

**פרק ל"ד:** ווערן אויסגערעכנט די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיגע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס.

- ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע. - אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט אין דער צייט פונעם אריז"ל - כבית הגה"ק רבי הלל מקאלאמאייע ז"ע היה כלב מונח תחת שלחנו תמיד ובשום אופן לא היה כח לגרשו מן הבית, וכל הכאות בו לא הועילו, - וגילו לו כי הוא הי' רב לועז ממקום פלוני, ושהי' סמוך לו, אשר קללו כקללות נמרצות, ונתגלגל בכלב הזה.

**פרק ל"ה:** טעמים פאַר דער נחיצות פון פאַסטן אין דעם טאָג פון אַ יאָרצייט נאָך עלטערן. - די וויכטיקייט פון מחדש זיין אמת'דיקע חידושי תורה, וואָס דערמיט מאַכט מען אַ נחת רוח פאַר די עלטערן אין גן עדן, ווי אויך פאַר די שווער און שוויגער. - די מעלה פון תורה לשמה. - דער תועלת פון מאַכן אַ חשבון הנפש. - נישט צו באַגריסן אַ רשע, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - די טובה פאַר די עלטערנ'ס נשמה ווען זייער זוהן איז מחדש אמת'דיגע חידושי תורה - די מעלה פון תורה און מצוות וואָס מען טוט לשמה - יעדן טאָג דאַרף מען זיך באַטראַכטן איבער די עבירות - נישט צו געבן שלום פאַר אַ מענטש נאָר אויב מען איז זיכער אַז ער איז אַ צדיק.

**פרק ל"ו:** פרנסה ווענדעט זיך אין מזל און נישט אין זכות פון מענטש. - פאַרוואָס האָט אונזער האַר געווײנט און געלאַכט, און פונקען פייער זענען אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטערן? - רבונו של עולם, אפשר טאַקע זאָלסטו יאָ אַזוי טוהן. - כ'וויל נישט שטאַרבן און נאָך אַמאָל געבוירן ווערן, ווייל איך האָב שוין דאָס רוב יאָרן דורכגעלעבט. - רבי אלעזר בן פדת שכר אין גן עדן איז געווען 13 טייכן פון באַלזאַם אויל - "בני חיי ומזוני" ווענדט זיך נישט אין זכות, נאָר אין מזל וועלכן דער מענטש איז געבוירן געוואָרן - נישט איילן די שעה, נאָר האָבן בטחון אין אויבערשטן אַז ער באַצאָלט דעם פולן שכר - ער פאַרקירצט נישט דעם שכר פון קיין באַשעפעניש - דער מענטש וואָס האָט נישט פרנסה בריווח אויף דער וועלט, אין עולם הבא איז זיין שכר געדאָפלט - אָרימקייט איז מכפר אויף די עבירות - הלוואי וואָלטן מיר געווען אָרים אויף דער וועלט און געליטן יסורים ווייל דאַן וואָלטן אונזערע עבירות פאַרגעבן געוואָרן - אַ מענטש דאַרף שטענדיג זאָגן "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" - אויב דער

אויבערשטער גיט עשירות, זאָל מען טיילן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט - רבי חייא און רבי יוסי האָבן געזעהן ווי אַ מענטש איז ניצול געוואָרן אין זכות פון אַ מצוה - איך וועל זיכער נישט בעטן פון דיר עסן, נאָר איך וועל גיין אַן שפּייז - האָט ער דאָס שטיקל ברויט אויך געגעבן צו דעם אָרימאַן אויפ'ן וועג - האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים צוגעשיקט די מצוה כדי אים מציל צו זיין פון דער גזירה - אין דעם זכות וואָס ער האָט געשפּייזט דעם אָרימאַן וועט ער ניצול ווערן - דער אויבערשטער וועט זיכער מיט אים טוהן אַ נס - דער נס פון דעם מענטש וואָס האָט געגעבן צו עסן פאַר אַ הונגעריגן - נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָבן זיי אים דערציילט וועגן דעם נס וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט אים געטוהן - און עס איז פאַראַן אַ בוים וואָס אויב מען עסט פון אים, שטאַרבט מען - כדי מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא - מיר טוען דאָ ציטירען אַ שוידערליכע פאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די צייטען פון הייליגען גאון ר' עקיבא אייגער זי"ע און זיין הייליגען פסק דין וואָס איז שטאַרק באַלערענד און נוצלעך אויף אַלע עניני כשרות און דאָס גלייכען און עס איז וויכטיג פון גרוים ביז קליין דאָס דורך צו קוקען און צו דערציילען און ערקלערען פאַר די קליינע קינדער. - דער קבלת פנים - וואָס האָט פאַסירט? - די בקשה פון עטל די גבאי'טע - אין שטוב פון שוחט - דער בריוו פון בעל התניא - הוי גולה למקום תורה - גיי אין גלות אין אַן אָרט פון תורה - אַן אידלשטיין אין עיר קודש.

**פרק ל"ז:** דער ענין פון די דריי משמורות פון דער נאַכט. - אין דער ערשטער משמורה גייט דער אויבערשטער אַריין אין גן עדן, זיך צו פרייען מיט די צדיקים - פאַרוואָס פרייט זיך דער אויבערשטער פונקט אין דער דאָזיגער צייט? - ביז האַלבע נאַכט מאַכט דער אויבערשטער ברוך הוא אויף ציטערן 300 הימלען און שלאָגט זיי וועגן חורבן בית המקדש - אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויף דער ערד, אַזוי אויך איז פאַראַן אַ הר הבית און אַ בית המקדש אויבן אין הימל - זאַמלען זיך איין דאָרטן אַלע אינאיינעם, צו גיין מיט גרוים פרייד אין אויבערשטן בית המקדש, צו זעהן דאָרט די שכינה - דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז ווייך אַזוי ווי אַ שטעקעלע צו הערן שטראָף רייד, און ער ווידערשפּעניקט נישט קעגן זיינע עלטערן און רבי'ם - דער

מענטש איז זוכה אַז זיין נשמה זאָל יעדע נאַכט אַרויפגיין אינעם הר הבית, און אינעם בית המקדש - אין די צווייטע משמורה וויינען די מלאכים אויף דעם חורבן בית המקדש - די מלאכים האָבן געוויינט און מיר האָבן אויך געוויינט מיט זיי אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף די צדיקים וואָס זענען דעמאָלטס אומגעקומען - מען דאַרף טרויערן אויף די אידן וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם - אויף כלל ישראל וואָס שמאַכטן אין ביטערן גלות און ליידן יסורים פון עמלק, ישמעאל און אנדערע פעלקער - דעמאָלטס ווערט דערוועקט אַ גרויסער און פּאָרכטיקער פלאַם אין צפון-זייט, און אַ גרויסע ליכטיגקייט שלאָגט פון דעם פלאַם - די גאַנצע פמליא של מעלה האָט צער אין דער מינוט ווען דער האָן קרייט דאָס ערשטע מאָל צוליב דעם חורבן בית המקדש - "הַמֶּלֶךְ" מיינט מען דעם אויבערשטן וואָס ער איז דער קעניג פון אַלע קעניגן - אין דער צייט דערוועקן זיך צום אויבערשטן'ס דינסט די צדיקים וואָס געפינען זיך נאָך אויף דער וועלט - אָט לויבט דעם אויבערשטן אַלע קנעכט פון דעם אויבערשטן וואָס שטייען אויף און גייען אין אויבערשטן'ס הויז ביינאַכט - צו עלות השחר זאָגן שירה די שטערן און מזלות, דעמאָלטס ווערט דעם אויבערשטן'ס נאָמען געהייליגט און געאיינציגט פון מויל פון מלאכים און אידן. - זיי גלוסטן נישט צו זיין צווישן די נשמות פון די צדיקים וואָס זיי מאַכן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטן - ווען זיי דאַווענען זאָגן זיי בלויז מיט דעם מויל, אָבער זייער האַרץ טראַכט פרעמדע מחשבות - זיי טראַכטן גאָרנישט אַריין מיט וואָס פאַרא גוטע מעשים וועט די נשמה קומען פאַרן באַשעפער - דער וואָס האָט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, איז נישט פאַראַן קיין בעסערס דערפון.

**פרק ל"ח:** פאַרוואָס מען זאָגט דעם פסוק "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך" איידער מ'הייבט אָן שמונה עשרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען בכוונה. - זיין האַרץ מיט זיין מויל זאָלן זיין גליך מייחד צו זיין דעם נאָמען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט אַ געהעריגע כוונה - גייט אַרויף זיין נשמה און שפּאַלט אַלע הימלען ביז זי קומט צו איר אָרט און קיינער פאַרווערט איר נישט. - די ממונים פון בייטאָג ווערן אָנגערופן "ממשלת היום", און די ממונים פון ביינאַכט ווערן אָנגערופן "ממשלת הלילה" - עפנט אויף די טויערן,

און זאָל קומען דאָס געדעכטע פאָלק וואָס זיי היטן די גלויבונג פון אויבערשטן - בשעת דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואָלט געבן זיין תורה צו אידן, האָבן זיך באַהאָפטן אינאיינעם 375 כיתות מלאכים און האָבן מקטרג געווען אַז די תורה זאָל נישט אַראָפּנידערן צו די אידן - 375 מחנות מלאכים נעמען אויף די תפילות פון די אידן - און ער ברענגט אַריין די תפילה אין זיבן היכלות, וואָס ווערן אָנגערופן "היכלין קדישין" - עס זאָל זיין גליך ווי ער וואָלט יעדן טאָג מקריב געווען קרבנות - דו זאָלסט אָפּגעבן אַ שבח והודי' צום אויבערשטן ברוך הוא - דאָס זענען די זעלבע אותיות ווי "יבק", וואָס איז די ראשי תיבות י'חוד ב'רכה ק'דושה - כדי זיין תפילה זאָל זיין ריין, דאַרף דער מענטש זיין אָפּגעהיטן פון גזל און השגת גבול.

**פרק ל"ט:** דער פשט פון מדרש אויפן פסוק ואברהם זקן בא בימים. - דאָס וואָרט "זקנה" באַדייט לאַנגע יאָרן, און דאָס וואָרט "ימים" ווייזט אויף גוטע טעג - פאַר דריי מענטשן האָט דער אויבערשטער געגעבן צו פאַרזוכן אויף דער וועלט דעם טעם פון עולם הבא - ווען דער מענטש שטאַרבט, קומען אַלע טעג זיינע צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן - פון אַלע זיינע יאָרן איז נישט אַדורכגעגאַנגען אַפילו איין טאָג וואָס ער האָט אין אים נישט געלערנט תורה און געטוהן מעשים טובים - די טעג פון רשע שעמען זיך און באַהאַלטן זיך פון געגנען פאַרן אויבערשטן - ער האָט זיך משלים געווען אין תורה און אין מצוות. עס איז אָבער מעגלעך אַז ער קומט נישט מיט עלטער, ווייל ער איז ליידער געשטאָרבן יונגערהייט - דער מענטש דאַרף זען צו ברענגען אַלע זיינע טעג צו אַ חשבון פאַרן אויבערשטן - דער מענטש איז געגליכן אויף דער וועלט ווי אַ שיף וואָס גייט אינמיטן ים און עס לויערן אויף איר פילע סכנות - דער אויבערשטער פאַרשווייגט אים נאָר ביז זיין מאָס פון זינד ווערט פול ווערן - ווען דער מענטש ליגט אויף דעם קראַנקן בעט הייבט אָן דער גייסט צו קלאַפּן אין אים צוליב זיין היץ - ווייל עס איז נאָענט דער טאָג ווען ער וועט זיך דאַרפן שיידן פון דער וועלט - זיי זיך מתוודה, און האַלט זיך נישט גרויס, ווייל דו זעסט דאָך אַז עס איז נאָענט דער טאָג פון טויט - דער יצר איז מעורר דעם מענטש ווען ער איז אין אַן עת צרה ח"ו - אין דער צייט ווען דער מענטש דערנענטערט זיך צו שטאַרבן איז

אויך דער יצר הרע גוט - די מענטשן האָבן פרובירט אומקערן די שיף צו דער טרוקעניש, אָבער זיי האָבן נישט געקענט - עס וואָלט פאַר אים געווען בעסער אויב ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן - דו זאָלסט מיר מוחל זיין און פאַרגעבן אויף אַלע זינד וואָס איך האָב געטוהן, סיי מיט מיינע אויגן, סיי וואָס איך האָב געזינדיגט מיט מיינע הענט און מיינע פיס.

**פרק מ':** די פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס אַ מענטש ווערט מגולגל. - צוויי אופנים פון גלגול. - די וויכטיגקייט פון מצוות השבת אבידה. - אַ מעשה ווי אַזוי דער אריז"ל האָט ארויסגעטריבן אַ רוח פון אַ יונגען בחור. - מען דאַרף זיין געוואָרענט צו היטן די אויגן. - די וויכטיגקייט פון געבן צדקה. - צוויי אופנים פון גלגול - ווייל דער תענוג און נחת רוח וואָס די נשמה האָט אין גן עדן, איז בעסער פון אַלע תענוגים אויף דער וועלט - יעדעס מאָל וואָס דער ווינט שאָקלט די בלעטער, ליידט ער גרויסע יסורים וואָס עס איז נישט צו שילדערן - ער ליידט דאָרטן מער צער ווי די שטראָף פון גיהנום - דער אריז"ל, טרייבט אַרויס אַ רוח פון אַ בחור - דו וועסט זעהן אַז איך בין גערעכט - דער איסור נישט צו קוקן אויף פרעמדע פרויען - דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַרשליסן דאָס מויל פון די מקטריגים - אין מענטשנ'ס אויג זענען פאַראַן פיר פאַרבן, אַנטקעגן די פיר אותיות פון שם הוי' ברוך הוא - דער מענטש זאָל זיך שטענדיג געוואוינען צו קוקן אויף הייליגע זאַכן - דאָס גרויסקייט פון געבן צדקה.

**פרק מ"א:** מען דאַרף אויפהויבן די אויגן ווען מען זאָגט קדושה. - מען דאַרף מדקדק זיין אין יעדן וואָרט ביים דאַווענען נישט איינצושלינגען די ווערטער. - מוסר רייד צו די חזנים אַז זיי זאָלן דאַווענען מיט כוונה. - דער סוד פון וואָרט "חזן". - די האַרבקייט פון מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען דאָרט וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין. -אַ מעשה פון זוהר הקדוש, ווי הייליגע תנאים האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין קינד. - דער אויבערשטער איז נאָענט צו די מענטשן וואָס רופן אים אמת'דיג - דער מענטש דאַרף זיך יעדן טאָג מתבונן זיין אין די הייליגקייט פון דעם אויבערשטן - אהבה און יראה גייען צוזאַמען - ווי שטאַרק מען דאַרף זיין געוואָרנט מכוון צו זיין בשעת מ'מאַכט אַ ברכה אויף אַ מאכל - די חזנים דאַרפן מכוון זיין לשם שמים, און

נישט פאַר זייער הויך קול - דער סוד פון וואָרט "חזן" - דריי הונדערט קעמלען פון פורעניות פאַר דעם וואָס איז מפסיק צווישן "ברוך שאמר" און "ישתבח" - מיט ווערטער פון ליצנות אינמיטן דאַווענען, מישט מען אוים די קליפה להבדיל מיט די קדושה - מען דאַרף הערן תורה אַפילו פון קליינע קינדער.

**פרק מ"ב:** אויב אַ מענטש זינדיגט ח"ו, שרייט זיין נשמה צו דעם אויבערשטן וועגן איר צער, און דער אויבערשטער הערט אוים איר געשריי און ציט אַרוים די נשמה פון דעם גוף. - יעדן טאָג גייט אַרוים אַ בת קול אַז דער מענטש זאָל נישט אַרויסשטופן די נשמה פון זיין גוף. -מען דאַרף אייביג תשובה טוהן, ווייל אַ מענטש ווייסט נישט ווען ער וועט שטאַרבן. - מען זאָל פאַר זיך פאַרצייכענען די זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה - אַ רמז אויף די נשמה אין פסוק "ובת כהן" וגו' - ווען אַ מענטש טוט אַן עבירה, שרייט זיין נשמה צו דעם אויבערשטן - צו די צדיקים זאָגט דער אויבערשטער "האָט הנאה פון מיין הייליקייט" - יעדן טאָג גייט אַרוים אַ בת קול פון הימל און רופט אוים צו דעם מענטש: "שטופ נישט אַרוים די נשמה פון דיין גוף" - יעדן טאָג דאַרף דער מענטש טראַכטן וועגן זיין סוף - מען דאַרף פאַר זיך פאַרצייכענען די 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן.

**פרק מ"ג:** 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן. - דער מוכיח זאָל נישט מקטרג זיין אויף אידן, נאָר מעורר רחמים זיין אויף זיי. - מען זאָל זיין געהיטן פון גאווה ווען מען דרש'ענט פאַר אידן. - די גרויסע ענוה פון דעם הייליקן תנא רבי שמעון בן יוחאי. - מען דאַרף יעדן מענטש דן זיין לכף זכות - דער מענטש וואָס שטאָלצירט מיט אַ מצוה, מישט דערין אַריין די סטרא אחרא רח"ל - די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס שטערט אנדערע צו טוהן אַ מצוה.

**פרק מ"ד:** מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט אַן אָרעמאַנ'ס משכון. - דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרוים קעגן דעם אָרימאַן. - דער איסור פון נעמען שוחד. - די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר'ס געלט. - נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון

באַנוצן זיך מיט קהל'שע געלט. - אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל. - מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון די חז"ל. - נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין. - די חשיבות פון לימוד התורה ווען עס איז לשמה. - דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן - דער איסור פון נעמען שוחד - די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר'ס געלט - די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים - נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהל'שע געלט - אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל - מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון די חז"ל - נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין - די חשיבות פון דעם וואָס לערנט תורה לשמה.

**פרק מ"ה:** די וויכטיקייט פון מכוון זיין יחודים פאַר דער שכינה. - ווען מען איז ליידיק פון מצוות, זאָל מען קוקן אויף די ציצית. אַ מעשה פון זוהר ווענגן ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה". - די ברכה פון אַ רבי צו זיין תלמיד זאָל זיין ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים. - דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו קומען אויף דער וועלט פאַר די הנאה פון זיין גוף, נאָר פאַר דעם תועלת פון דער נשמה - דער רבי וואָס בענטשט זיין תלמיד מיט קינדער תלמידי חכמים, זאָל אים אויך בענטשן אַז ער זאָל זוכה זיין זיי צו דערציען - אַ יונגערמאַן זאָל נישט זאָגן דברי תורה פאַר עמיצן וואָס איז עלטער פון אים - ווי וויכטיג עס איז מקיים צו זיין יעדע מצוה.

**פרק מ"ו:** דער חיוב צו האָבן אַ ריינעם גוף ביים דאַווענען. - אויך דאַרף מען זיין געוואָרענט צו האָבן ריינע און שיינע קליידער ספּעציעל פאַר'ן דאַווענען. - זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן. - די שניידערס דאַרפן זיך היטן פון גניבה. - אַ מענטש זאָל זיך נישט אָנקליידן מיט צוויי בגדים אויף איינמאָל. - די מצוה פון מזוזה, דער עונש פאַר מבטל זיין די מצוה און דער שכר פאַר מקיים זיין איר. - שאול המלך האָט אָנגעטוהן אַ באַזונדערן קלייד בשעת ער האָט געדאַוונט, און ווען ער האָט געדאַרפט טוהן זיינע באַדערפענישן האָט ער דאָס קלייד אויסגעטוהן - די שוהל איז אַ "בית מקדש מעט", און דעריבער דאַרף מען דאָרט אַריינקומען מיט שיינע קליידער -

אין שבת דאַרף מען טראָגן ריינערע און שענערע קליידער ווי אינמיטן דער וואָך - אויך קליידער פון שעטנז זענען מעכב די תפילה - אויך קליידער פון גזל זענען מעכב די תפילה - דער אַרבעטער טאָר נישט קאַליע מאַכן דאָס קלייד, אָדער נעמען פאַר זיך וואָס עס בלייבט איבער - מ'דאַרף זיין געוואָרענט נישט אָנצוטוהן צוויי קליידער מיטאַמאָל, ספּעציעל ביי די בגדי שבת - ווען דער ש"ד זעהט דעם שם שד"י אויף דער מזוזה, קען ער נישט מזיק זיין - מכשולות ביי ס"ת, תפילין און מזוזות - הדרכה פאַר סופרים בתים מאכער און סוחרים - וואָרענונגען פאַר סופרים און עדות - דעם גרויסען שכר פאַר ערליכע סופרים.

**פרק מ"ז:** פאַרוואָס אַמאָליקע חסידים האָבן געגלוסט צו ברענגען אַ קרבן חטאת. - אין פיר צייטן פון דעם יאָר ווערן ערוועקט די דינים, און דאַן איז די צייט זיך צו דערוועקן אין תשובה. - דער טעם פאַרוואָס דאָס לייגן אייזן ראַטעוועט פון די דינים. - ווען עס מערן זיך די בעלי עבירה חס ושלום, ווערן מענטשן געשטרויכלט מיט די עבירה פון רציחה. - ווען עס פאַלן אוים די תקופות זאָל מען לייגן אייזל אויף די מאכלים און געטראַנקען.

**פרק מ"ח:** דאָס ענין פון תקיעת שופר אין חודש אלול. - דער שופר איז מעורר דעם קרן פון דוד המלך, און דעם קרן פון דעם איל ביי עקידת יצחק. - די רמזים פון "תקיעה שברים תרועה". - ווי אַזוי אַ תלמיד פון דעם אר"י ז"ל האָט מעורר געווען אידן צו תשובה און מעשים טובים. - דאָס האַרץ דאַרף אויפציטערן ווען מען הערט שופר - די רמזים פון "תקיעה שברים תרועה" - איינער דאַרף מוכיח זיין דעם צווייטן - אַ מעשה מיט אַ תלמיד פון דעם אריז"ל, ווי ער האָט מעורר געווען אַנדערע אידן צו תשובה - די בעסטע תשובה איז באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי צדקה.

**פרק מ"ט:** די מעלה פון פאַסטן אַ תענית, וואָס איז געגליכן צו אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן. - אַ רמז אין דעם וואָרט "קרבן". - די חשיבות פון די קרבנות ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און פון תפילה בזמן הזה. - דער רמז פון וואָרט "קרבן" - 9 זאַכן וואָס זענען פוגם דעם תענית - נישט צו עסן ווי אַ זולל וסובא ח"ו - די חשיבות פון אַרויסזאָגן מיטן מויל די עבירות וואָס

מ'האָט געטוהן - ווען מען זאָגט אַרויס די עבירות, איז עס אַ כבוד פאַר דעם אויבערשטן צו שטאַרקן זיין רחמנות - דאָס געוויין פון די שכינה ביים חורבן בית המקדש - דער מענטש וואָס באַהעפט זיך צו תלמידי חכמים, איז מקרב די גאולה.

**פרק נ':** די גרויסקייט פונעם קרבן פון עני - דאָס איז נישט קיין קרבן פאַר עושר נאָר פון אַן אָרימאַן - רעכט האָט ער געטאָן ווייל אַזאַ קרבן ברענגט אַן עני - איך טוה אַ נדר, אַז פון היינט אָן וועל איך קיינמאָל נישט אַרויף ברענגן אויף מיין האַרץ קיין שלעכטע מחשבות - דער קרבן פונעם אָרימאַן איז בעסער ביי הקדוש ברוך הוא פון אַלע קרבנות - דער מענטש זאָל מתפלל זיין מיט כונה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ - די גרויסע חשיבות פון זאָגן פסוקי דזמרה און שירת הים מיט כונה - זיי זענען קעגן די דרייצען ווערטער פון די מדות הרחמים - ווי הויך השם יתברך איז פון דעם עולם, און ווען אַ מענטש גייט אין שול אַריין און קערט אום זיין פנים צו דער וואַנט, און איז מתפלל, דערהערט עס תיכף השם יתברך. - ס'איז אַ מנהג כשר צו קושן די ווענט פונעם בית מדרש - די גרויסע קדושה פון אַ בית מדרש, און דער חיוב זיך צו פירן ווי עס באַדאַרף צו זיין - דער וועט זוכה זיין צו זעהן אין דעם זיסקייט פון גאָט, און דינען אים אין זיין היכל.

**פרק נ"א:** ווען אַ מענטש איז מקדש זיינע איברים רוהט די שכינה אויף אים - זיי מיר מזכה צו זיין אַ שטול פאַר דער שכינה - מען דאַרף מדקדק זיין צו זאָגן קריאת שמע מיט גרויס כונה - די רמ"ח איברים און שס"ה גידין פון דעם מענטש זענען קעגן די רמ"ח מצוות עשה און שס"ה מצוות לא תעשה - אויב דער מענטש נעמט אָן יסורים באַהבה, זענען די יסורים מטהר עס גוף און מאַכן אים הייליג.

**פרק נ"ב:** דער מענטש זאָל זיך היטן פון פאַלטשע מענטשן וואָס זעען אויס ווי "פרושים"-ערליכע. - איך זאָג דיר אַז דו זאָלסט זיך היטן פון די מענטשן וואָס זענען צו פרום, ווייל זיי ווייזן זיך פאַר מענטשן ווי זיי זענען חסידים אָבער זייער האַרץ איז פוהל מיט אומווערדיגקייט - זי ווייזט זיך אַרויס ווי אַ

"וְצִדְקָתְךָ" - זיין ווייב האָט נישט געוואוסט אַז ער האָט אַ שליסל צו יעדן צימער - נעם דעם שווערד און שטעך מיין מאַן - דער איז אויך פון די "וְצִדְקָתְךָ" - וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו מיט דעם גלח, אַז איר זאָלט ביידע גנב'ענען.

**פרק נ"ג:** אַ מענטש מוז משעבד זיין זיין גוף און זיין נשמה צו דינען השם יתברך - לויט וויפיל טעג ער איז נישט געגאַנגן צום שיעור פון רב, אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון די ישיבה של מעלה - דער מענטש מוז יעדן טאָג לערנען איין הלכה, ווייל די אותיות "הלכה" איז ווי די אותיות "הכלה" - אַ מענטש זאָל לערנען מיט כח ביז ער וועט דערשוויצט ווערן - דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בשעת ער לערנט איז, אַז ער מאַכט אַ שטיל כביכול פאַר דער שכינה - אַזוי ווי די מענטש איז מחויב צו מקיים זיין די מצוות הגשמים, אַזוי מוז ער אויך מקיים זיין די מצוות רוחניים, דאָס הייסט מחדש זיין חידושי תורה - מען זאָל נישט פרעגן אַ שאלה פון אַ חבר אויב מען ווייסט אַז ער וועט נישט וויסן דעם ענטפער, כדי ער זאָל זיך נישט פאַרשעמען חס ושלום - אַ מורא'דיגע מעשה מיט אַ קינד וואָס מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין די ישיבה של מעלה, ווייל ער פלעגט פרעגן אַסאַך קשיות פון זיין רבי'ן, און ער פלעגט מבויש ווערן - הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא.

**פרק נ"ד:** מען זאָל מדקדק זיין אַז ספרים זאָלן זיין שיין איינגעבונדן - אַכטונג געבן נישט צו לייגן ספרים פאַרקערט - חיוב זיך צו פירן מיט כבוד מיט ספרים - מען טאָר נישט אונטערלאָזן אַ ספר אונטערן ספר וואָס מען לערנט - מען מוז אויפשטיין פאַר אַ חומש אַזוי ווי פאַר אַ ספר תורה - דער מענטש דאַרף האָבן יראת הכבוד פאַר לומדי תורה - וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב מגדל געווען אַזאַ גרויסן ליכט - וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב אָנגעזאָגט מיין זיידע יעקב אַז יוסף לעבט - יעדן טאָג שטייען זיי און לויבן גאָט ברוך הוא - "ותשר דבורה וברק בן אבינועם..." - פאַרוואָס האָבן זיי דער צו זוכה געווען? - די מצוה פון מפרנס זיין תלמידי חכמים - געבן תלמידי חכמים מתנות בדרך בכבוד - וואויל צו דער וואָס איז זיי מכבד - הוספה - המצער ת"ח אוי לו וואוי לנשמתו.

**פרק נ"ה:** שרייבן העלפט צום געדענקען, דעריבער זאָל א מענטש פאַרשרייבן זיינע זינד, ער זאָל געדענקען זיי מתקן צו זיין. - אויב ער געפינט אין אַ ספר עפּעס וואָס קען מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ ספּעציעלן פּאַפּיר, כדי ער זאָל קענען גליך פאַררעכטן וואָס מעגליך. - דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ, איינע בשעת די נשמה גייט ארויף און די צווייטע ווען זי גייט אראָפּ. - השם יתברך זאָל היטן מיין גיין און קומען לחיים ולשלום - דער וואָס וועט זיך אַזוי טאָן וועט אים שטענדיג גוט זיין.

**פרק נ"ו:** די גרויסע שטראָף און פּגם פון שווערן פאַלש, און ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון דעם - דורך שווערן אויף פאַלש איז מען גורם אַז די וועלט זאָל פאַרפלייצט ווערן - ווען דער מענטש וואָלט געוואוסט די האַרבקייט פון שווערן פאַלש וואָלט ער זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט - השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט - דעריבער זאָל דער מענטש זיך נישט צוגעוואוינען צו שווערן - וויסן זאָלסטו אַז אַ תקיעת כף איז פונקט ווי אַ שבועה - מיין נפש איז שטענדיג אין מיין האַנט און דיין תורה האָב איך נישט פאַרגעסן - למען השם די גרויסע זינד זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן.

**פרק נ"ז:** דער וואָס דאַווענט שמונה-עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער פון סידור, וועט זוכה זיין צו זען די שכינה פאַר זיין שטאַרבן - אין הימל וואַרט מען און מען האָפט אַז דער מענטש זאָל אויפשטיין צו לערנען תורה און דאַווענען - דער וואָס איז געוואוינט צו דאַווענען פון מחזור אָדער פון סידור, זאָל זען דאַווענען פון דעם כתב און נישט אַרויסקוקן - דער וועלכער קוקט זיך אַרום אַהער און אַהין ביים דאַווענען און נידערט נישט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, וועט ער נישט זוכה זיין אַז די שכינה זאָל קומען צו אים פאַר זיין טויט - די שכינה רוט נאָר אויף דעם אָרט וואו מען לערנט תורה און אין זכות פון תורה לערנען שטייט די וועלט - די כבוד ירש'נען חכמים און די נאַראָנים ברענגען אויף זיך שאַנד. - די שכינה זאָל קומען צו אים אין שטוב און אים בענטשן מיט גוטע ברכות.

**פרק נ"ח:** דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין צו הערן דברי-תורה און דער קומענדיגע וועלט פון השם יתברך - ער זאָל לערנען תורה סיי פאַר זיך און סיי מיט אַנדערע - דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, דער וועט זוכה זיין צו הערן תורה אויף יענער וועלט פון השם יתברך - וואָס מער דער מענטש לערנט, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פון עבירות - דיין תורה וואָס דו לערנסט איז בעסער פון גוטער וויין - רבי יהודה האָט אָנגעזאָגט אַלע תלמידים, מ'זאָל פאַר אים האָבן גרויס דרך-ארץ - אויף יעדן מענטש איז דאָ אַ פליכט צו באַוויליגן און טייער מאַכן די תורה פאַר זיינע קינדער און הויזגעזונד - יעדן הויז וואו מ'פירט זיך נישט בצניעות, געפינט זיך דאָרט די "לילית" - ברכות וועלן רוען אויף זיין קאָפּ און אַלע זיינע אברים וועלן זיין ריין און טָהור אויף שטענדיג - אַ מורא'דיגע מעשה וואָס מען קען לערנען פון דעם אַ מוסר השכל וועגן די וויכטיגקייט פון זאָגען פרשת קרבנות וקטורת יעדן טאָג.

**פרק נ"ט:** ווען אַ מענטש הייליגט זיין קערפּער און זיינע אברים, רוהט אויף אים די שכינה, און די אברים ווערן אָנגערופן "מחנה-שכינה" - רבונו של עולם זיי מיך מזכה איך זאָל זיין ריין און אַ שטול צו דער שכינה - די נאַטור פון אַ ליכט איז, ווען עס לייכט נישט ווי געהעריג שאָקלט מען עס אַביסל, און דורך דעם פלאַמט ער זיך אויף און ברענט און לייכט ווי געהעריג - די יסורים זענען נישט געקומען אומזיסט, ווייל השם יתברך שטראָפט נישט אָן קיין דין - די אותיות וואָס זענען געשריבן פאַר אים זענען געגליכן צום קערפּער פון קרבן, און די נקודות וועלכע באַוועגן דאָס וואָרט דאָס איז דער נפש פון דעם קרבן - דער וועלכער האַלט זיך קליין, ער איז געגליכן צו דעם קרבן - מאָרגן וועלן מיר גיין אין שול און בעטן ביי השם יתברך - די מגיפה זאָל שוין אַהער נישט קומען ווייל זיי ווייסן שוין ווי דאָס צו מבטל זיין - מען האָט געגעבן פאַר די שטאָט אַ נאָמען "מתא מחסיא", ווייל השם יתברך האָט רחמנות געהאַט אויף איר - יעדער וואָס דאַוונט מיט כוונה ווערט זיין תפילה אָנגענומען און השם יתברך וועט טאָן זיין ווילן צו דערפילן זיין געבעט.

**פרק ס׳:** אויב אַ מענטש פאַרפעלט מקיים צו זיין אַ מצוה אויף דער וועלט, מוז ער ווידער אַראָפּקומען דאָס מקיים זיין - געדענקען דעם טאָג ווען אונזערע עלטערן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני צו קריגן די תורה - די גלוסטיגע וועלט, די וועלט וואָס לייכט פאַר די צדיקים - אין דעם זכות וואָס איר האָט מיר דערציילט די זאַך, וועט איר היינטיגן טאָג געראַטעוועט ווערן פון אַנדערע באַנדיטן וואָס וואַרטן אויף אייך - דו האָסט געטאָן אַ נס צוליב מיר און די אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן און איך האָב גאָר נישט געוואוסט - רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר קומען זיי מקבל פנים זיין - פינף מענטשן זענען געזעסן און צווישן זיי אַן אַלטער מאַן און מיר האָבן געזען פיל עופות האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער זייערע קעפּ - לאָמיר אויפשטיין און גיין אַנטקעגן דעם אַלטן רבי פנחס בן יאיר - ער האָט געזאָגט איך קוש אַזאַ מויל וואָס שמעקט פון די בשמים פון גן-עדן - עופות, פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג אויף דעם כבוד פון אייער האַר (השי"ת) וואָס געפינט זיך דאָ - ווייל עס איז אַ צער בעלי חיים אַז פייגל זאָלן אַזוי לאַנג אויסשפּרייטן זייערע פליגלען און שטיין אויף איין אָרט - אמת עס איז געווען פריער אַ גרויסער שאָטן פון די פייגל אָבער עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טירחא - השם יתברך האָט אויף אונז רחמנות, איז עס נישט גערעכנט ווי קיין עבירה ביי אונז - ביזן היינטיגן טאָג שטייען נאָך די בוימער פאַרשפּרייט מיט גרויסע צווייגן - ער גיט שטענדיג אַכטונג אויף די וועלכע דינען אים ערלעך און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זיין חסד - מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן פון זינד, און השם יתברך זאָל אונז געבן אַ האַרץ מיר זאָלן אים דינען ווי געהעריג - זיין באַלוינונג אויף יענער וועלט וועט זיין דאָפּעלט און געדאָפּעלט.

**פרק ס"א:** מען טאָר נישט עסן פאַרן דאַווענען שחרית, ווייל עס איז גלייך ווי ער דינט עבודה-זרה. - געוועלטיגט אויפן נפש אין בלוט, ווען די נשמה איז נאָך נישט ביי אייך - יוסף הצדיק, וואָס האָט זיך דערוויטערט פון יעדער איבעריגע הנאה, האָט זוכה געווען, מ'זאָל אים באַהאַלטן אין אַ ארון ווי געהעריג. - דער יסוד פון תשובה איז - צוריקציען זיך פון פיל עסן און טרינקען. נישט פיל עסן און טרינקען פאַרן שלאָף - ווען דיין גלוסט און געשמאַק צו עסן און

טרינקען איז שטאַרק - דעמאָלטס האַלט זיך צוריק. - וואויל צו די נשמה וואָס קומט ריין אָן אַ פּגם און פירט זיך אויף הייליג - **לשון הרע ניבול פה זענען גורם אַז מלאַכי השרת זאָלן אים מחרים און מנדה זיין ביז ער וועט תשובה טאָן** - השם יתברך גיט אַכטונג אויף יעדן פרט און עס איז נישטאָ קיין צופאַל - וואָס עס טרעפט זיך מיטן מענטשן טרעפט זיך מיט דער בהמה - די וואָס טראַכטן אַז זיי זענען העכער פון אַנדערע מענטשן זענען גלייך ווי בהמות - נאַריש איז דער מענטש וואָס טראַכט ס'איז נישטאָ קיין באַלוינונג און שטראָף - מ'קען טאָן וואָס מ'וויל - **דער עיקר אויפגאַבע פון מענטש ער זאָל מורא האָבן פאַר השם-יתברך.**

**פרק ס"ב:** די פליכט אויפן מענטשן מוכיח צו זיין דעם צווייטן, ווען ער זעט אַז ער טוט אַ זינד, און ווי אַזוי דאַרף מען מוכיח זיין? - תוכחה דאַרף זיין אין אַן אופן, אַז דער זינדיגער זאָל זיך כאַפּן אויף דעם, אָבער נישט דירעקט - אויב דורך דער פאַרשעמונג וועט דער זינדיגער תשובה טאָן, מעג מען אַזוי טאָן. - תוכחה מיינט: פאַרעכטן, אָבער נישט קאַליע מאַכן בשעת דעם פאַרעכטן - אפילו ווען די ברענגס נאָר דיין חבר נאָר צו איין מצוה, איז דיין שכר זייער גרויס - אַ דערציילונג אין זוהר וועגן מוכיח זיין - דער וואָס שטראָפט זיין חבר פאַר ליבשאַפט טוט דאָס באַהאַלטענערהייט - געוויס זענט איר פון דער חבריא פון ר' שמעון בר יוחאי וואָס שרעקען זיך נאָר פאַר השם-יתברך - **אַ צדיק וואָס איז נישט מוכיח די מענטשען וואָס זענען אַרום אים, ווערט ער אַליין באַשטראָפט - זיך פאַרלאָזן אויף השם יתברך און זיך נישט שרעקן פאַר די רשעים - די מצוה פון מוסר זאָגן ליגט אויף די רבנים.**

**פרק ס"ג:** אַ מענטש זאָל זיך נישט גרויס האַלטן ווען זיין בקשה ווערט דערפילט. אויך זאָל ער זיך נישט אָפּהאַלטן פון ממשיך זיין בעטן ווען עס ווערט נישט דערפילט. - אַ משל צו אַ מצורע וואָס איז געקומען צום טיש פון אַ עושר, און דער עושר האָט אים באַלד אַוועקשיקט. - אַ קורצע תפילה איידער מען קומט אַריין אין שוהל - ווען אַ מענטש הייבט אויף זיינע הענט ווען ער דאַווענט פון טיפן האַרצן איז עס זייער טייער פאַר השם-יתברך - משה רבינו ווען ער האָט מתפלל געווען אויף עמלק'ס מפלה, האָט ער אויף געהויבן זיינע

הענט - הענט וואָס זענען ריין פון גזל און גניבה און הויבן זיך אויף צו בענטשען גאָט וועלן באַקומען ברכות און גוטע מתנות - ווען אַ מענטש קומט צו ביים דאַווענען וואו ער דאַרף זיין גרייט אויף מסירת נפש, דאַרף ער אויפהויבן זיינע הענט, אין עס ווערט גערעכנט ווי קידוש השם-אַ קרבן עולה - דער קערפּער אין קבר גייט נישט אַריין צווישן די צדיקים ביז די נשמה קומט פון גן-עדן מיט הוכחות אַז דער קערפּער איז הייליג - כוונה ביים אָנטאָן טלית און תפילין - אָנטאָן קליידער וואָס ווערן געמאַכט פון ריינע געלט - מעלת הצדיקים שמקנאים קנאת ה' - תחת אשר קנא לאלקיו - ויכפר על בני ישראל - אליהו מלאך הברית.

**פרק ס"ד:** אַז די מצוה פון הכנסת אורחים, איז גרעסער פון אַנטקעגן גיין די שכינה. - דער סאָרט הכנסת אורחים איז געווים גורם צו דעם יחוד פון קודשא בריך הוא מיט זיין שכינה - **זיך נעמען שנעל ווי אַ גבור צו וואָרענען און מעורר זיין מענטשן** - דער וועלכער טוט עס געשיקט, דער ווערט אָנגערופן אַ זָרִיז און ער ווערט דערפאַר באַלוינט - מיר האָבן געמיינט אַז דו ביסט אַ מאָגערער בוים, ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז דו ביסט אַ פעטער בוים. עפן זשע דיין מויל און רעד - מיין תפילה זאָל זיין פאַר דיר, השם יתברך, אַן עת רצון - דער כהן זאָל קומען צו דעם הייליגן אָרט מיט אַ הייליגסטן מחשבה - איז דער הייליגער "עת" ווי עס דאַרף זיין און גאַנץ מיט שמחה פאַראייניגט - דער תיקון פון דעם "עת רצון" איז, איר מייחד זיין מיט השם יתברך - ווען מיר וואָלטן געקומען אויף דער וועלט מער נישט ווי דאָס צו הערן, וואָלט עס גענוג געווען - בית המקדש און אַלע חורבות פון ירושלים וועלן ווידער געבויט ווערן מיט אַ שיינקייט - דער כוס וואָס איז צווישן זיינע ביידע הענט דאָס איז אַ רמז אויף יעקב - פונקט ווי איך קוק אויף דעם כוס של ברכה, אַזוי זאָל השם יתברך קוקן צו יעדער צייט אויף די אידן און זיי שטענדיג אָפּהיטן - די ברכה איז נישט אַ ליידיג אָרט און ספּעציעל אויף אַ ליידיגן טיש - אויב דער מענטש באַגעגנט ביים אַרויסגיין איינעם וואָס טראָגט ליידיגע כלים, זאָל ער דעם טאָג נישט גיין אין וועג אַריין - כאָטש ער איז אַ למדן, זאָל ער זיך פירן מיט כבוד צו יעדן מענטש - זיי האָבן זיך נישט געפילט גרויס מיט זייער נשיאות - דאַן וועט אַריין די ברכה אין דעם כוס של ברכה וואו השם יתברך האָט אָנגעזאָגט זיין ברכה.

**פרק ס"ה:** וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: מיט גוטס ווערט די וועלט געמ'שפּט און אַלץ ווענדט זיך לויט די איבערוואָג פון מעשים. - אויב אַ צדיק טוט אַן עבירה ווען די וועלט שטייט האלב מצות און האלב עבירות איז אים שלעכט, און ווען אַ רשע טוט דאַן א מצוה - איז אים גוט - אויף יענער וועלט רעכנט מען די מעשים טובים וואס מען האט געטאָן און נישט די געלט וואס מען האט פארדינט - אויף דער וועלט קוקט זיך נישט אום דער גביר אויפן תלמיד חכם, אבער אין דער קומענדיגער וועלט וועט ער צאפּלען צו זען דעם ליכט פון תורה אבער ער וועט נישט זוכה זיין צו דעם. - ווי צו די וועלכע זענען מבזה תלמידי-חכמים - חזקיהו המלך פלעגט קושן און האלדזן יעדן תלמיד חכם - אנטונינוס האט געזאגט צו רבינו הקדוש "הלוואי זאל איך אויף יענער וועלט זיין דיין פיסן בענקל" - א קליינע מאס גיאות באשיינט דעם תלמיד חכם ווי די צווייגלעך אויפן שפּיץ פון זאנגען - דער וואס האלט זיך גרויס איז גליך ווי ער דינט עבודה זרה, און די גאוה גופא איז ווי אַ קרבן פאר דער עבודה זרה - זיינע ליבהאבער וועלן זיין ווי די זון און איר שטארקייט.

**פרק ס"ו:** וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין דעם זעלבן אָרט וואו מ'געפינט די גרויסקייט פון השם יתברך דאָרט געפינט מען אויך זיין עניוות. - דער וועג צו מדת ענווה - די גאוה איז גורם גורם צו פאַרשעמען זיין חבר פאַר אַלעמען אין די אויגן - דער בעל גאווה קען מען נישט גליבן - רבי צדוק האָט געפאַסט פערציג יאָר אַז ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן - די ערשטע דורות פלעגן היטן זייער מויל צו זאגן נאר אמת - דער עונש פון מענטשן וואָס רעדן שלעכטס אויף תלמידי חכמים - דער גרויסער עונש פון איינעם וואס שעלט און ווארפט א כלי ווען ער איז אין כעס - אַלע וועגן פון השם יתברך זענען פעסט געשטעלט מיט גערעכטיגקייט לויט די וועגן פון דעם מענטשן - ווי אזוי דער צדיק נעמט ארויס די נשמות פון גיהנום - אויב מען דעקט נישט צו מיט דעם טַלית אופן קאָפּ מיט רוב פון דעם גוף איז מען נישט יוצא - די וואס לאַכען פון די רייד פון די חכמים ווערן געשטראפט אין גיהנום מיט יסורים ערגער ווי אלע רשעים - דער מענטש זאל געדענקען אז די גאנצע וועלט איז הבל - עס איז נישט מעגלעך ער זאָל פּטור ווערן פון דעם יום הדין נאָר דורך די תורה און

מצוות וואס וועלן אים פאַרטיידיגן - ווי אזוי דער מענטש זאל קרעכצען אויף זיינע זינד - וואס טוט זיך אין קבר.

**פרק ס"ז:** דער טאַטע זאָל אָנווייזן זיינע קינדער צו לערנען תורה און זיך אויפפירן מיט דרך ארץ און האַנדלען ערליך.

**פרק ס"ח:** דער ענין פון נפש רוח און נשמה, און אַנטקעגן דעם זענען דריי מצות: **תפילין של יד, של ראש און ציצית** - ווייל יעדער טראָפּן בלוט אין דעם קערפּער איז געציילט און געמאָסטן פאַר השם יתברך - אין דעם מענטשן איז פאַראַן אַכצן חוליות אין דער שדרה, וואָס זיי זענען קעגן די אַכצן ברכות אין שמונה עשרה - די רשעים ווערן געטריבן ווי די כוואליעס פון ים - ווייל דער ערשטער זון וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיין רעכטע ווייב וועט זיך שטאַרקן איבער זיי - דעריבער דאַרף דער מענטש דאַווענען מיט טרערן - פרייען ביי אַ שמחה של מצוה און קלאָגן אויפ'ן חורבן זענען מכניע כוחות הטומאה - דורך דעם מאַכט ער אונטערטעניק די צוויי ווייבער "מחלת" און "לילית", זיי זאָלן נישט האָבן קיין רשות אים צו מאַכן זינדיגן - אויך די פרויען זענען אָנגעזאָגט נישט צו טראַכטן קיין שלעכטע זאַכן - און קריאת-שמע שעל המטה איז אַ תיקון - שנעל תשובה טאָן און דאַן וועט אים גוט זיין.

**פרק ס"ט:** וועגן "מחלת" און "לילית" וואָס מאַכן זינדיגן דעם וואָס היטן נישט אָפּ דעם ברית. - אַ שרעקליכע געשיכטע אין דער שטאָט פּוזנא - אָבער זיי האָבן נישט געשעדיגט קיין מענטשן, זיי האָבן נאָר צעטומלט די איינוואוינער - דאָס איז דאָך אַ הויז פאַר מענטשן צו וואוינען און זיי האָבן נישט קיין דערלויבונג צו וואוינען אין אַ באַוואוינט אָרט - איצט האָט ער נישט קיין יורש און מיר זענען די יורשים און מיר האָבן אַ חלק אין דעם פאַרמעגן פון אונזער פאָטער - וואויל צו אים און וואויל צו זיין נשמה.

**פרק ע':** דער פסוק "צו את אהרן... זאת תורת העולה היא העולה". שטייט "הוא" און מען לייענט "היא" העולה - דער מענטש מוז מכוין זיין אין דער תפלה פון מעריב אָפּצושוואַכן דעם כח פון דער סטרא אחרא - די חיצונים זאָלן נישט באַקומען גאָרנישט פון די איברים און שטיקלעך - "היא" מיט אַ יו"ד,

ווייל "היא" מיט אַ יו"ד גייט עס אויף איר, וואָס זי וויל נהנה זיין פון די ברעקלעך ברויט - דער וועלכער לאָזט די ברעקלעך און טרעט אויף זיי, דער ווערט אָרעם - ווי ווייַ, ער האָט מיך שוין אַרויסגעצויגן פון זיין שטוב - ווייל די ברעקלעך זענען געגליכן צו די שטיקלעך פון עולה - נישט צו וואַרפן די ברעקלעך פון המוציא וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ קדושה פון די אברים פון קרבן עולה - ער וועט זיך לייגן שלאָפן מיט זיכערקייט אָן קיין שום זינד.

**פרק ע"א:** דער מנהג מתפלל צו זיין אויף קברי אבות און זייער יאָרצייט, און דער תועלת דערפון. - די נשמות פון די צדיקים הערן די צער פון אידישע קינדער, און זיי זענען מתפלל אויף זיי - די נשמה פון מענטש קלאָגט לאחר מאה ועשרים ווען זי איז נישט זוכה אריינצוגיין אין גן עדן - דער שכר פון די הייליגע נשמות וואָס זענען יאָ זוכה צו עולם הבא - זיי שטייען אויף די קברים און געבן אָפּ אַן שבח והודיה צום אייבערשטן ברוך הוא - דער שכר פון צדיקים, אַז זייערע ביינער זאָגן שירות ותשבחות נאָכן טויט - וואָס ס'איז מרמז פאַרן מענטש אַ גוטע מחשבה צו דינען דעם אייבערשטן, און פאַרקערט חס ושלום, מחשבות פון טרויעריגקייט - אַ מעשה פון הייליגן תנא ר' שמעון בן יוחאי מיט זיין זון ר' אלעזר, וויאזוי זיי האָבן מבטל געווען אַ שלעכטע גזירה. - ווילאַנג ר' שמעון בן יוחאי איז געווען אויף דער וועלט, האָבן נישט געוועלטיגט מזיקים און משחיתים, וויל זיין זכות האָט באַשיצט די גאַנצע וועלט - היינטיגע דורות ווען מיר האָבן נישט אזעלכע גרויסע צדיקים, ברויכן די ערליכע אידן מתפלל זיין פאַרן דור - וואָס מען ברויך אַכטונג צו געבן אַז מען זאָל גערא‌טעוועט ווערן פון אַלעם בייזן רח"ל. - ווען מען איז מתפלל זאָל מען נישט מתפלל זיין אויף זיך אַליין נאָר זיך איינשליסן אין כלל ישראל. - ווען אַ מענטש טראַכט כסדר וועגן זיין סוף, וועט ער מצליח זיין אין עבודת השם זוכה צו זיין לחיי עולם הבא.

**פרק ע"ב:** די שכינה רוהט אין אַ פלאַץ וואו קליינע קינדער לערנען תורה - קליינע קינדער בשעתן לערנען שפּאַלטן הימלן - לימוד התורה פאַר קליינע קינדער זענען מציל דעם מלמד פון אַן עונש פון גהינם - די חיוב פון מתפלל צו זיין אויף קליינע קינדער - דער סדר היום ווען מען פירט דאָס קינד אין חדר - דער פאָטער און די מוטער זאָלן צודעקן דאָס קינד ער זאָל נישט זעהן קיין

טמא'נע זאַכן - נאָכן תענית זאָל ער מאַכן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט און געבן צדקה לויט ווי פיהל ער פאַרמאָגט - דער שכר פון דער וואָס ערציט אַ יתום ביי זיך אינדערהיים - דער הייליגער באַרדיטשעווער מיטן הייליגן רבי מענדעלע וויטעבסקער מיטן בעל התניא ז"ע זענען זיך מוסר נפש צו ראַטעווען אַ יתום מיט אַ יתומה.

**פרק ע"ג:** די מעלות פון לימוד התורה ביינאַכט און בפרט האַלבער נאַכט - זייערע נשמות גייען אַרויס און זאָגן עדות אויף זייערע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן ביי טאָג און ווערן באַשטולדיגט ביים בית דין של מעלה, - די שכינה און צדיקים אין גן עדן הערן זיך צו צום קול תורה, וואָס אַ איד לערנט דעמאָלץ, און בעטן: לערן מיט אַ הויך קול, כדי דאָס זאָל דערהערט ווערן אויבן - וואויל איז זיי און וואויל איז זייער חלק - עס זאָל ביי דיר נישט זיין גרינג דאָס ביינאַכט לערנען - איך דאַרף ער זאָל מיך אויפוועקן אויף צו שטיין האַלבער נאַכט - געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אהער געברענגט, ווייל דאָ שטייט מען אויף האַלבער נאַכט - דער סוד פון "חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ" - די חיוב אנצוגרייטן פאַרן ברית א שטול פאַר אליהו הנביא - דער נאַכט פאַרן ברית מוז דאָס קינד האָבן אַ שמירה פון די מחבלים - תורה באַשיצט און איז מציל פון אַלערליי שאָדן פון דער וועלט - דורך דער תורה וואָס מען לערנט אין דער וואַך נאכט ווערט אליהו הנביא אַנטפּלעקט - דאָס פּנים פון רבי אַבאָ האָט געברענט ווי פייער פון צוליב דער חדוה פון תורה - אליהו הנביא האָט געזאָגט דעם פסוק (תהילים סה, ה) "אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב, יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ, נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ, קְדוֹשׁ הֵיכָלֶךָ" - וואויל איז דעם מענטש וואָס מל'ט זיין קינד מיט שמחה - וואויל איז אייך אויף דער וועלט און וואויל איז אייך אויף יענער וועלט - די אַלע גוטע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן ביי דיר און דו האָסט מיר זיי נישט געזאָגט - מאַך תורה פאַר אַ קביעות, און געשעפט-ענינים פאַר אַן אַרעי (טפל).

**פרק ע"ד:** אַז די נשמות פון צדיקים העלפן יעדן ירא שמים ניצול ווערן פון עבירות - צוויי הינדן האָבן געטאָן אַ נחת רוח פאַר מיר - איך האָב געפרעגט ווער זענען די מלאכים געווען וואָס האָבן באַגעגנט יעקב, האָט מען מיר געענטפערט אברהם און יצחק - בשעת די עקידה איז זיין נשמה אַרויס

פון אים, און זי איז געוואָרן אַ מלאך - יעדער מענטש זאָל געוואָרנט זיין נישט נכשל צו ווערן מיט שלעכטע מחשבות, ווייל דאָס ווערט אים צוברעננען עובר צו זיין אויף האַרבע עבירות - יעדער פלאַץ וואו אַ מענטש גייט זענען דא העלפערס פאַר זיינע מחשבות, סיי גוטס און סיי שלעכטס ח"ו - מען זאָל נישט צו פיל הנאה האָבן פון תענוגי עולם הזה אַפילו אויב מען האָט געלט - אויף יענער וועלט איז נישט מעגליך צו לייקענען די שלעכטע מעשים, ווייל מלאָכים זאָגן עדות אויף דעם - דעריבער זאָל יעדער גוטע מעשה זיין טייער אין דיינע אויגן - אַ מצוה וואָס ווערט גערעכנט ווי אַ מת מצוה, זיי זיך מזרז איר מקיים צו זיין! - דער שר הפנים צינדט אָן פאַר אים ליכט וואָס איז געמאַכט פון שיינקייט פון דער לויטערקייט און שכינה.

**פרק ע"ה:** די מעלה פון שמירת שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין און דער שכר פאַר די וואָס זענען מענג דעם שבת געהעריג. - דריי זאָגן עדות איינער אויפן אַנדערן: הקב"ה, שבת און אידן - דער מחבר רעכנט אוים גרויסע מכשולים וואָס קומען פאַר צווישן די דאָרפסלייט - אַן אַזהרה נישט צו רעדן קיין דברי חול שבת, ובפרט נישט אין בית מדרש, - עס וואָלט שוין אַסאַך בעסער געווען ווען זיי בלייבן זיצן אינדערהיים און שלאָפן אײדער צו גיין צום מנין און רעדן דברי חול - דער איסור "יחוד" גייט אָן אַפילו ביי אידן, און אַוודאי ביי גוים - דעם האָלץ-האַקער'ס עולם הבא - די עבודה פון תהלים אין ראש השנה ביים הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע - לערנען תהלים מיט מפרשים - דער גאון רבי שלמה קלוגער זאָגט אוים יעדן טאָג גאַנץ תהלים - דער צאַנזער רב וויל זיך בייטן זיין סיום הש"ס מיטן סיום תהלים - דער כח פון תהלים.

**פרק ע"ו:** די האַרבקייט פון איסור יין-נסך, און דעם חוב פון די רבנים אין אַלע מדינות נישט צו געבן קיין כתב-הכשר (כשרות ציינעניש) ביז זיי וועלן זיין זיכער אז דער ווין איז בתכלית הכשרות - די זינד פונעם רבים איז אָנגעהאָנגען אין די מכשילים - פון דער מינוט וואָס דער ווין הויבט זיך אָן אריינצוגיסן אין ווין קעלער, אויב עס וועט דאַרטן זיין א "מגע-גוי", איז אַ איסור גמור עס צוטרינקען - דער פליכט אויף די רבנים און דיינים נישט צו געבן קיין "כתב-הכשר" ביז זיי זענען זיכער אַז דער ווין איז כשר אָן צווייפל - "נס"ך" מיינט:

נ- נשים; ס - סוסים; כ - כסף. - ווער עס טרינקט אַפילו אַ קליין ביסל יין-נסך אין שענקען און קאַפע-הייזער פון גוים, ווערט ער געשטרויכלט אין עריות אויך - צוליב די גלוסטונג צו איסורי עריות קומט דער מענטש צו אַ מצב אַז ער האָט נישט קיין געלט אַפילו אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט - ווער עס טרינקט יין נסך ווערט מגולגל און אַ אייזל... - ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דעם איסור איז הייליג און מ'קען אים רופן קדוש - **חומר האיסור של יין נסך** [פרק ע"ו בלשה"ק] - והחיוב המוטל על הרבנים שבמדינות שלא ליתן כתב הכשר, עד שידעו בבירור שנעשה היין בכשרות * "נסך" הוא ראשי תבות: נשים, סוסים, כסף, והרמז בזה * התרגום של יין הוא חמר, לרמז שכל מי שנכשל בעוון יין-נסך יתגלגל בחמור.

**פרק ע"ז:** ווי מען באַשווערט די נשמה איידער זי גייט אַראָפּ אין גוף און וואָס מען באַוויזט איר פון דעם כבוד פון צדיקים אין דער קומענדיגער וועלט - מ'זאָגט צו די נשמה, מיר טוען צו דיר דעם גאַנצן כבוד אויפן תנאי אַז דו זאָלסט זיין אַ צדיק און גאָטס פאָרכט זאָל זיין אויף דיין פנים - אויף אַלע עבירות קען אַ מענטש תשובה טאָן און זיך מתודה זיין מיט טרערן אויף יעדע עבירה - דערוועקט זיך קינדער פון דער וועלט צו טאָן תשובה פאַר גאָט ב"ה. דערוועקט זיך און דערבאַרעמט זיך אויף אייך אַליין - דורך זיינע שלעכטע מעשים האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער סטרא אַחרא - אַסאַך מאָל ווערט זי פאַרקערפערט ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אים אַ נישט גוטער - צו באַגיין מיט דעם רוח מיט קלוגשאַפט, ווייל ער איז אַ גרויסער שקרן און כזבן - ער האָט אַ זאָג געטאָן: רבי איך בין נישט ראוי צו זען דיין הייליג פנים - איך וויל דו זאָלסט אַרויסגיין דורך דעם קליינעם פינגער פונעם לינקן פוס פון דער פרוי - ביינאַכט געוועלטיגן די חיצונים און די דינים מיט די רוחות שטאַרקן זיך דעמאָלטס - וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט געוואָרן אַ רוח? איך בין געווען אַ בעל לשון הרע, אַ רכילות זאָגער און אַ שקרן - כל-שכן דער וואָס טוט מיט די הענט אַזעלכע עבירות וואָס מ'איז חייב אויף זיי כרת איז אַוודאי געוויס אַז ער האָט אַ גרעסערן עונש - דער וואָס זינדיגט מיט די הענט אָדער מיט אַנדערע גלידער, איז זיכער אַז די רוחות און מזיקים האָבן רשות אים

מזיק צו זיין - דער וואָס קומט זיך אָפּשיידן פון עבירות, העלפט מען אים פון הימל, און דעמאָלטס וועט אים גוט זיין אויף אייביג.

**פרק ע"ח:** פון יעדער מעשה און מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט דערפון פאַרע און עס גייט אַרויף אין הימל - עס איז אַ גרויסע סכנה פאר יעדען בעל דרשן וואָס דרשנ'ט אין די עפנטליכקייט וועגן דעם חטא פון אדם הראשון אָדער וועגן דעם חטא פון מכירת יוסף אָדער ענליכע חטאים פון גרויסע חסידים - אדם הראשון האָט געבעטן רבי שמעון בן יוחאי ער זאָל נישט מגלה זיין דעם חטא עץ הדעת מער ווי עס איז אַנטפלעקט אין די תורה הקדושה - ווען עס קומט דער צייט פאַר דעם מענטש צוריקצוגעבן זיין נשמה פאַר'ן באַשעפער, איז מען דן די נשמה, און דעמאָלטס דאַרף דער מענטש האָבן גרוים רחמי שמים . - מיר האָבן געהערט אַ קול ווי איינער רעדט צו דיר, אָבער מיר ווייסן נישט ווער ס'האט גערעדט מיט דיר - ער האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל נישט אַנטפלעקן זיין זינד צו מענטשן מער וויפיל עס איז געשריבן אין דער תורה - פון די מעשה זאָלן די דרשנים לערנען נישט רעדן לגנאי אויף אָדם הראשון - די תורה איז חס אויפן כבוד פון צדיקים און אַפילו אויפן כבוד פון רשעים.

**פרק ע"ט:** די גרויסע כבוד וואָס מען מאַכט פאַרן **נשמה** פונעם צדיק ווען ער קומט אַרויף אין עולם העליון, און יענע גאַנצע טאָג איז די פמליא של מעלה נאָר עוסק מיט זיינע חידושי תורה. - אַלע נשמות גייען מקבל פנים זיין דעם צדיק, און זיי רופן אוים געלויבט איז דיין קומען צו פרידן - פיל כתות צדיקים קומען און טרייסטן דעם צדיק אַז ער זאָל נישט זיין בצער, אַז ער פאַרלאָזט דעם עולם השקר - מען איז דעם צדיק מודיע פון הימל אַז באַלד וועט זיין, זיין הסתלקות - יעדן חסיד זאָל זיין געוואוינט צו מתפלל זיין אַז ביי זיין פטירה זאָל נישט שולט זיין קיין משחיתים - אַ געוואַלדיגע גרויסע זאַך ביי השי"ת שטענדיג צו דערמאָנען די זכות פון די אבות הקדושים און אויך פון משה, אהרן, מרים און די זכות פון די איבריגע נביאים - אַ מורא'דיגע מעשה ווי רבי יוסי באַגעגנט אַ קינד און מיינט ער איז אַ שד - דאָס קינד זאָגט זיי אַ פלא'דיגן דבר תורה וואָס זיין טאַטע האָט אים געזאָגט פאַר זיין הסתלקות - אַ מענטש מוז שטענדיג געדענקן אַז דער בורא עולם זעהט אַלעס אַפילו אין פאַרבאָרגענע

פלעצער - אַ איד זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן "כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי", מיט זיין אייגענע שטאַרקייט האָט ער אַלעם געטאָן, נאָר ער זאָל אַלעם תולה זיין אין הקדוש ברוך הוא.

**פרק פ':** דער אר"י הקדוש אנטפלעקט אַלע עבירות וואָס יעדער האָט געטאָן - א מורא'דיגע מעשה פון מדרש הנעלם - די ביטערע עונשים וואס דער מענטש גייט א דורך נאכן שטארבן - דער מת געדענקט נישט זיין נאמן פון די שווערע און ביטערע יסורים - פינף מאל אין מעת לעת איז מען דן דעם מענטש - דער בעל עבירה מוז מודה זיין אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטוהן - ווי אזוי א קינד אויף דער וועלט קען ארויסשלעפען זיין טאטן אויף יענע וועלט פון גיהנום - דער מענטש דאַרף גרויס השגחה האָבן אויף זיינע זין צו לערנען מיט זיי תורה אין יראת שמים, ווייל אַ זון קען מזכה זיין זיין פאָטער לעולם הבא. - דורך זאָגען קדיש און אָמן יהא שמיה רבא מיט'ן גאַנצען כח ברענגט ער די נשמה פון זיין פאָטער און מוטער אין גן עדן - מען זאל נישט אויסלאזן קיין ווערטער ביים זאגן קדיש - אַזוי ווי אַ גוטער זון איז מזכה זיין פאָטער צו עולם הבא, אַזוי איז אַ שלעכטער זון גורם מ'זאָל שטראָפן זיין פאָטער און מוטער עולם הבא.

**פרק פ"א:** די תוצאות פונעם חטא עץ הדעת - פארוואס ווען איינער האט א שלעכט קינד שעלט מען די מאמע און נישט דעם טאטען - ווי אזוי א קינד גייט ארויס לתרבות רעה ח"ו דורך די מוטער - וואויל איז דעם פאָטער און מוטער וואָס זענען מדריך זייערע קינדער אין דעם גוטן וועג.

**פרק פ"ב:** די פיר זכותים פאַר גאולת מצרים, און אויך פאַר די גאולה העתידה. - די וויכטיקייט פון צניעות ביי די פרוי, און די שענדליכקייט פון אָנטוהן זיך אַזוי ווי די גוים. - נישט צו רעדן די שפּראַך פון די גוים. דער מענטש דאַרף זעהן נישט מעבב צו זיין די גאולה. - די לעצטע גאולה וועט אויך זיין בזכות נשים צדקניות - גיין בצניעות און נישט פריצות'דיג - בלויז איינער פון טויזנט מענטשן האָבן אמת'דיג בטחון אין השם יתברך - די וואָס

האָבן בטחון אין השי"ת - די קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש - אין זכות פון די פיר זאַכן וועט זיין די גאולה במהרה בימינו אמן.

**פרק פ"ג:** אַ מענטש זאל נישט מצער זיין קיין שום באשעפעניש בחינם - דער שלאנג בייסט נאר לויטן באפעל פון השי"ת - די אידן וואָס שיסן מיט פיילן און קוילן די עופות און חיות טמאות, וועלן האָבן אַ גרויסן עונש - די סגולות פון די גראזן - מען זאל נישט מצער צו זיין קיין שום בריה אפילו קיין גראָז און קיין שפראָצונג וואָס אין זיי איז נישט פאַרהאַן קיין שום חיות - ווען א מענטש רעדט מיט גאוה און בזיון אַנטקעגן אַן אַנדערן מענטש ווערט דער דיבור תיכף פאַרשריבן און אויסגעקריצט אין אַ בוך אויף דעם הימעל - דער וואָס געט אַוועק זיין צייט פאַר גמילות חסד, און אין תורה, האָט השם יתברך אים ליב אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט - אַ שרעקליכע מעשה וועגן בזיון תלמיד-חכם [הוספה].

**פרק פ"ד:** אויב איינער גיט דיר שלום און דו געבסט נישט צוריק שלום, ווערסטו גערופן אַ גזלן. - פיל מענטשן זענען נכשל אין דעם פרט - אויב מען ענטפערט צוריק שלום וועלן די הערצער זיין נאָנט איינם מיט'ן אַנדער'ן - בפרט צו די אָרימע לייט זאָל איר זאָגן שלום.

**פרק פ"ה:** נטילת ידים אינדערפרי ביים אויפשטיין - זיין געוואָרנט נישט צו צימאַכען די העקלין פון די העמד פון די לינקע האַנד - פאַרן אַריין גיין אין שול זאָל מען זאָגן "זֶה הַשַּׁעַר לַה' צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ" - סיי גוטס און סיי שלעכטס איז דער מענטש מעורר דורך זיינע מעשים - עס איז נישט ראוי צו נעמען פון זיי קיין געלט אומזינסט - רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט אויף רבי יועזר "ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל".

**פרק פ"ו:** די געוואַלדיגע נחת רוח וואָס מען האָט אין הימל בשעת'ן זאָגן פיוטים - דער וואָס זאָגט אַז עס איז נישט קיין גרויסער חיוב צו זאָגען פיוטים, דער איז נישט מאריך ימים חס ושלום - אַ מורא'דיגע מעשה וועגן ר' שלמה אלקב"ץ - עס איז גוט אינזינען צו האָבן דעם נאָמען פון דעם מחבר בשעת'ן זאָגן דעם פיוט - עס איז אַ גוטער מנהג דעמאָלטס מזכיר נשמות זיין.

**פרק פ"ז:** אז מען גיט צדקה פאַר די נשמות פון די מתים, זענען די מתים גרויסע מליצים פאַרן מענטש - דער מענטש דאַרף גיין זאָגען גיט יום-טוב צו זיין רבין, דאָס איז גלייך ווי ער איז מקבל די פני השכינה - יעדער וואָס בענטשט מיט כוונה, ווען ער שטאַרבט גיט מען אים אַ הויך אָרט אין גן עדן - מען טאָר נישט מפסיק זיין צווישן די מים אחרונים און צווישן בענטשן - דער אורח זאָגט אַז שוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיין אַקסל טוט אים וויי. - נאָך די מים אחרונים זאָל מען תיכף בענטשן, דאָס וואָרט "תֵּיכֶף" איז די אותיות "כָּתֵף" - די וויכטיגקייט פון בענטשן און זאגען שירה מיט כוונה.

**פרק פ"ח:** אַז לָכֶם איז אותיות מֶלֶך, קומט מרמז צו זיין, אַז דער חודש ניסן איז אַ מֶלֶך און ראש צו אַלע חדשים - מיר דאַרפן מתפלל זיין אויף די הייליגע נשמות אין דעם חודש תשרי, און צו גיין אויף די קברים, און צו געבן צדקה פאַר די נשמות - ראש חודש ניסן זאָל מען זאָגען אַלע טאָג דעם שיא פון דעם טאָג.

**פרק פ"ט:** ווי אַזוי מען זאָל אָפּהיטן די מצוה פון מצות - די מצה מאַכט אונטערטעניג די סטרא אחרא און די מקטריגים - השם יתברך קוקט אויף אַלע מעשים פון די אידן זיין געליבטע עדה - וואָס ער קויפט לכבוד יום טוב זאָל נישט זיין פון גזל געלט - דאָס וואַסער וואָס איז אויפגעדעקט איז אסור מצד הנחש און די סטרא אחרא - ער זאָל נישט רעדן מיט קיין שום מענטש נאָר אויף לשון הקודש - דאָס לאַנד וועט גערייניגט ווערן מיט די צען אויבערשטע קדושות במהרה בימינו אמן.

**פרק צ':** הנהגות ווי אַזוי זיך צו פירן אין די ערב פסח טעג - מען זאָל נישט טראַכטן וועגן די הנאה פונעם גוף - דער וואָס איז זיך מטריח לכבוד יום טוב פסח און ווערט אויסגעמוטשעט הרג'עט ער דערמיט אַלע מזיקים - ערב יו"ט זאָל מען זיך טובל'ן לכבוד יו"ט - עס איז אַ מצוה זיך אָפּוואַשן דעם גוף מיט וואַרעם וואַסער - עס איז אַ גוטן מנהג צו פאַרברענען די הושענות מיטן חמץ - די נאַכט פון פסח איז אַן ענין זיך צו פרייען - עס איז אַ מצות עשה מן התורה צו געדענקן די ניסים וואָס הקב"ה האָט געטאָן - ווען מען האַלט ביי

וְהִיא שֶׁעָמְדָה זאָל מען אויפהייבן דעם כוס - משה רבינו האָט גע'הרג'עט דעם מצרי מיט אַ שֵׁם.

**פרק צ"א:** אין חודש ניסן פייפען די נשמות אין גן עדן מיט לויב און תפילות אויפן כלל ישראל, ווייל די אידן זענען דעמאָלט'ס באַשעפטיגט מיט מצוות - זיי האָבן זוכה געווען צו פאַרהוילענע היכלות מער פון די צדיקים וואָס זיצן צווישן די שורות, ווייל זיי האָבן מעמיד געווען קינדער תלמידי חכמים - אַלע מלאכות פון באַקן מצות זאָלן געטאָן ווערן דורך אידן - אויב מען גיט נישט צדקה און מעשר ווי עס באַדאַרף זיין, משפט השי"ת די וועלט וועגן די תבואה וואָס ער האָט געגעבען פריערדיגן יאָר - דער חלק וואָס מען גיט צו די אָרימע לייט איז דאָס דער חלק פון ג-ט - אויף אַלע גבאים איז מוטל זיי זאָלן דעם חודש אַכטונג געבן אויף די אָרימע לייט - די וויכטיגקייט פון געבן מעשר!.

**פרק צ"ב:** דער ענין פון "ספירה טעג", זיך צו רייניגן און ארויסגיין פון די שערי טומאה כדי אריין צו גיין אין די שערי קדושה. - יעדן טאָג האָט ער אונז אַריין געברענגט אין איין שער הקדושה - די אידן האָבן זוכה געווען אַריין צו גיין אין דעם פופציג'סטן שער פון די שערי בינה - דערפאַר איז שבועות איין טאָג מרמז צו זיין אַז השם יתברך איז איינֿער און די אידן זענען איין פאָלק אין דעם לאַנד ארץ ישראל - אין די ניין און פערציג טעג זענען די אידן אַרויס געגאַנגען פון דער טומאה און זענען אַריין אין די ניין און פערציג שערי בינה - לערנען די נאַכט פון שבועות אַזוי ווי דער האר"י הקדוש זכרונו לברכה האָט מתקן געווען - וואויל איז דעם מענטש וואָס טוט אַזוי, און בזכות זה וועט השם יתברך אויף אונז משפיע זיין אַ נייע ליכט.

**פרק צ"ג:** דער ענין פון נישט לאַבן מיט'ן פולן מויל - דער וואָס צאָרנט איז גלייך ווי ער דינט די עבודת כוכבים - דער מענטש מוז תמיד זיך דערוועקן מיט איין ביטער האַרץ אויף דעם גלות השכינה כביכול - דער וואָס איז תמיד בצער אויף גלות השכינה כביכול, דער איז זוכה צו אַ כתר תורה - רבי אברהם איז אַ גלגול פון ירמיה הנביא - אַ געשטאַלט פון אַ אשה וואָס זי איז אָנגעקליידט מיט שוואַרצע ליידער אַ שרעקליכע מעשה וועגן בזיון תלמיד חכם.

**פרק צ"ד:** השי"ת איז זיך משתתף אין די צרות פון די אידן און נידערט מיט זיי אראָפּ אין גלות - ווער עס וויינט אויפן צער פון שכינה און אידן, אויב עס קומט אויף אים אַ צער וועט ער עס גרינג דורכטראָגן - ווען די אידן זאָלן וויסן דאָס ליבשאַפט וואָס השם יתברך האָט זיי ליב, וואָלטן זיי געשריגן ווי לייבן נאָך צו יאָגן נאָך אים - **נאר דער וואס קלאגט אויפן חורבן וועט זוכה זיין צו פרייען זיך אין ירושלים מיטן בית המקדש.**

**פרק צ"ה:** טעמים און ערקלערונגען אויף מצות סוכה - יום הכיפורים האָט דער שטן און לילי"ת קיין שום שליטה נישט - מצות סוכה איז אין די אויגן פון גאָט ב"ה זייער אַ גרויסע מצוה - נזהר זיין אין קדושת הסוכה.

**פרק צ"ו:** דער ענין פון נס חנוכה אַכט טעג, און די קריגל אויף וואָס מ'האָט געפונען, איז געווען פון "שמן המשחה" - יעדער ליכטל וואָס ברענט צוליב אַ דבר מצוה איז אין דעם דאָ אַ וואונדערליכע קדושה - דורך דעם ליכט האב איך געזען אַ מראה גליך ווי מען האָט מיר געוויזן פון הימל און געגעבן כח רשות און געעפנט די שער אורה - אין יעדן ליכט פון מצוה ווערט נמשך אין אים אַ העכערע קדושה און עס דערוועקט אויף דעם הימל אָנצוצינדן די הייליגע ליכט - דורך יעדער מצוה וואָס דער מענטש טוהט ווערן באַשאַפן דורך איר הייליגע מלאכים.

**פרק צ"ז:** די גרויסקייט פון דעם טאג פון תענית אסתר - עס איז אַ גרויסע זאַך צו זאָגן אין תענית אסתר דעם קאַפּיטל כ"ב "לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר".

**פרק צ"ח:** דער טעם וואָס די צדיקים ווערן געשטרויכלט דורך די זינד פונעם דור - וואויל דעם וואס מוז נישט נהנה זיין פון אנדערע.

**פרק צ"ט:** די פליכט צו לייענען די מגילה וואָרט-ביי-וואָרט נישט שנעל, ווייל אין יעדעם וואָרט איז דאָ קדושה און געוואַלדיגע סודות - די מלאכים וואָס ווערן גערופן "חשמלים", פירן מיט זריזות מלחמה מיט דער סטרא-אחרא - די תפלה פון מרדכי און אסתר האָט פאַראורזאַכט אַז די אידן האָבן געטאָן ריכטיג תשובה, און זייער געשריי איז אַרויף אין הימל - מרדכי

ואסתר זיינען ראוי אַז מען זאָל זיי דערמאַנען, ווייל זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר די אידן - וואָס איז זוכה דער וואָס איז דבוק אין תורה אָדער לויפט זאָגן אמן - בשעת'ן ליינען די מגילה ווערט נתגלה נייע וועלטן וואָס לייכטן אויפן פאָלק ישראל - "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה" - גוטע מנהגים פון מדינת פוילן - די פרומע לייט זענען זיך נוהג צו דאַווענען מנחה פאַר דער סעודה, דערנאָך עסן זיי א תבשיל, און דאַווענען תיכף מעריב - דער סיבה פאַרוואָס המן האָט געוואָלט דוקא חודש אדר - מען מוז אויסמעקן המן הרשע אפילו פון העלצער און שטיינער. - די שם און כסא הכבוד פון השי"ת זאָל זיין גאַנץ - [הוספות] התעוררות צו תפלה בציבור (מיט מנין) - דאווענען מיט מנין - ווערטער פון א מלמד צו די קינדער - דער גרויסער באלוינונג (שכר) פאר זאגן אמן.

**פרק ק':** די מדה פון תמימות איז די בעסטע מעלה און מדה פון אַלע מעלות און מדות טובות - דער וואָס איז אַ תם און איז אַ מושלם אין ריכטיגע מדות, דעמאָלטס ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף איז ער זוכה צו זיצן אין דעם אוהל תורה פון הימל - דער גרויסער פגם וואָס עס געשעט ווען דער מענטש איז מפסיק און שטעלט זיך אַוועק קעגן אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה-עשרה אין זיינע פיר איילן - ווי ווייט מען זאָל זיין געוואָרנט צו דאַווענען מיט כוונה - עס איז אַ גרויסער איסור מאריך צו זיין, צו פאַרברענגען לאַנג ביים דאַווענען פאַרן עמוד.

**פרק ק"א:** ווי גרויס איז דער שכר פון די מזכי הרבים - די מזכי הרבים זענען זוכה צו זעהן קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים - [הוספה] מכתב נורא שקיבל הצדיק הגאון הקדוש רבי מרדכי באנעטה זי"ע מן השמים - אף הגדולים וחכמי דרא לא משגיחים רק לעצמם בלחודוהי לזכות עצמם בלחוד - חייב אינש למסור נפשו בשביל רחימא דקב"ה ושכינתיה ובשביל רחימא דישראל כמא דעביד משה רבינו ע"ה ומרדכי ואסתר - לך כנוס את כל היהודים - כשיהיו כלם יחד, תזעק לפניהם זעקה גדולה ומרה בבכי' רבה על גלות השכינה כביכול, ואנכי אהי' עם פיך להורתיך מה שתדבר - כולם יקבלו עליהם עול מלכות שמים באמת, לקיים מה שאומרים בכל יומא ויומא תרי ותלת ואהבת וכו' ולמסור נפש רוח ונשמה בדחילו ורחימא כדי להחזיר עטרה

ליושנה ולקיים הדת על תילה - עם ד' חזקו ונתחזקה, ומי שהיכולת בידו לזרז לאחרים וזכות התשובה יגרום שירחם ד' עלינו יזכור לנו ברית אבות ויגאלנו גאולת עולם - בהתעוררות תשובה מועטה, נוכל לקות כי יקרב הגאולה - מי שהיכולת בידו לזרז לאחרים וזכות התשובה יגרום שירחם ד' עלינו יזכור לנו ברית אבות ויגאלנו גאולת עולם - אודות הנהגתינו עם בנינו, הוא נורא מאוד בעו"ה, שאנו משתדלים ודואגים כל היום עבורם רק לענין מצבם הגשמי, ועבור מצבם הרוחני, הוא רק טפל אצלנו - שנאת חנם נתחזק מאד בעו"ה בדבר הפירוד אף בין האנשים המאמינים בתורת ד' בשלימות - אמר הקב"ה, אלו תרנגולת של אחד מכם היתה בורחת, כמה מבואות הי' מחזר אחרי', וארון בריתי בשדה פלשתים ואינם חוששים - המתחיל במצוה אומרים לו גמור, המצוה על אחרים לגמור.

**פרק ק"ב:** ווי השם יתברך האָט געמאַכט פאַר אדם הראשון מיט זיין ווייב חוה העמדער פון פעל - דער בית המקדש וועט שטיין אויף פיר בערג: באַרג סיני, באַרג כרמל, באַרג תביר, באַרג חרמון - דער דריטער בית המקדש וועט אַראָפּקומען פון הימל פאַרטיגערהייט.

❖ ❖ ❖